STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04092

YONTEV PYESN

Abraham Pravatiner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. פּראַוואַטינער

יום-טוב פּיעסן

פאַר:

חנוכה — יהודה המכבי

מוזיק: לעאָ שטיין

פּורים — ליאַלקעס

פּסח — שיר השירים

שבועות — רות

ימים-נוראים — ראש השנה — כפּרות

☆

פאַרלאַג „אַרבעטער וועלט" — שיקאַגאָ
1943

צייכנונגען—בערנארד קעי

HOLIDAY PLAYS

by

ABRAHAM PRAVATINER

Copyright 1943, by A. Pravatiner

ליבאר װאירלד פרעס, 508 ס. קעדזי עװעניו, שיקאגא 379

אינהאַלט

זייט

חנוכה—יהודה המכבי 9

פורים—ליאַלקעס 35

פסח—שלמה און שולמית (שיר השירים)..47

שבועות—רות 79

ראש השנה—(נײַ יאָר) 109

דער הינער שטרייק (כפרות) 121

(באַמערקונג: די ת"נ"ך־ציטירונגען פון „רות" און „שלמה המלך," זיינען לויט תרגום־יהואש.)

פון פאַרלעגער:

פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר וואָס איך בין אַ מקורב צו די אַרבעטער רינג שולן אין שיקאַגאָ, איז מיר ניט איין מאָל אויסגעקומען צו הערן די לערער זיך באַקלאָגן אויף דעם מאַנגל אין קינדער־פּיעסן, און ספּעציעל מיט היסטאָריש־טראַדיציאָנעלן אינהאַלט. ערב אַ יום־טוב איז יעדן לערער אויסגעקומען אַליין צו דראַמאַטיזירן זאַכן פון דער ליטעראַטור, וואָס ניט אַלע מאָל זיינען זיי געווען געלונגען.

די לעצטע פאַר יאָר האָב איך אָבער געזען אַ פּאָר אויפפירונגען פון היסטאָרישע פּיעסן וועלכע האָבן, מיט זייער אינהאַלט געמאַכט אַ גאַנץ גוטן איינדרוק אויף די צושויער. דאָס זיינען געווען פּיעסן פון דעם גוט־באַקאַנטן לערער און טעאַטראַל א. פּראַוואַטינער. האָב איך באַשלאָסן ביישטייערן אַ קליינעם ביישטייער צו אונדזער דראַמאַטישער קינדער־ליטעראַטור, און דערמיט פאַרלייכטערן אונדזערע יידישע לערער אין זייערע יום־טוב אויפפירונגען.

ניט זייענדיק קיין פּראָפעסיאָנאַלער פאַרלעגער, נאָר ווי איינער וואָס האָט אַ שייכות צום דרוק־פאַך האָב איך זיך באַ־

מיט, אַז די אויסגאַבע זאָל זיין גוט אין אויסזען, און צוגעגלעד אין פּרייז, ניט אַכטנדיק אויף דעם יקרות און מאַנגל פון פּאַפּיר און אַרבעט ביי דער איצטיקער צייט.

אויב מיין בייטראַג וועט ברענגען וועלכע עס איז נוצן דער דראַמאַטישער קינדער־ליטעראַטור, און אויך דעם יידישן לערער, וועט דאָס זיין פאַר מיר אַ גרויסע באַפרידעקונג און דערמוטיקונג, אַז איך זאָל אויך אויף ווייטער קענען עפּעס בייי־טראַגן צום פאַרלעגערישן געביט צו וועלכן אגב איך האָב זיך ניט געשטעלט קיינע פּראָפיט־צילן.

איך האָף אַז מען וועט אויפנעמען דאָס בוך „יום־טוב פּיעסן" מיט דעם זעלבן יום־טוב'דיקן געפיל ווי איך האָב דאָס אַרויסגעגעבן.

פאַרלאַג אַרבעטער וועלט.

מיין זון לייבלען — געווידמעט:

זאָל דער מאַקאַבייער־גייסט דיך
באַגלייטן אויף דיין מלחמה־וועג.
ווי אַ זיגרייכער־העלד זאָלסטו זיך
אומקערן בשלום צוזאַמען מיט אלע
באַפרייאונגס־קעמפער, און ברענגען
די דערלייזונג פאַר אַלע פאַר־
שקלאַפטע און פאַרפאָלגטע — ווי
די מאַקאַבייער אין זייער צייט.

זיי געבענטשט!

דיין טאַטע.

יהודה המכבי

היסטאָרישע אָפּערעטע

אין 3 אקטן



אנטיילנעמער:

אנטיוכוס — סיריש־גריכישער קעניג
אפאלניוס — גריכישער פעלדמארשאל
ניקאנור — גענעראל
יהושע (יאסאן) — פאלשער כהן גדול
יהודה המכבי

יוחנן שמעון יונתן אליעזר	יהודה׳ס ברידער

חנה

שאול נחשון אביעזר ברוך אבצן שמאי אמציה	חנה׳ס זין

בלינדער
צוועלף געפאנגענע מיידלעך
זעקס זקנים
גריכישע און אידישע סאלדאטן
פריסטער
כוהנים
טענצערינס
דינער
פאלק

ציים פון האנדלונג: 167 יאר פאר קריסטליכער ציימרעכענונג
ארט: ארץ ישראל

צווייטער אַקט

(פּאַלאַץ אין דער פעסטונג אַנטיוכיאַ. אַנטיוכוס זיצט אויפן טראָן. אַרום אים: גענעראַלן, פּריסטער און דינער. אַלע זענען שיכור. כאָר זינגט לויב־לידער צום גאָט וואַקכוס.)

כ אָ ר :

רום און לויב צו אונדזער קעניג:
וואָס איז קלוג, געטלעך, מעכטיק.
שוימען זאָלן ווייַן באַקאַלען,
ווי קאַסקאַדן — שיין און פּרעכטיק.

פון פאַנטאַנען — ווייַן זאָל גיסן:
לכבוד אונדזער וואַקכוס־גאָט
פרייד־געננום פון ווייַב און ווייַן
איז זיין הייליקער געבאָט.

העכער, העכער, הייבט די בעכער
גיסן, פליסן זאָל דער ווייַן.
גאָלד און פורפור־שעמערירן —
זאָל אין ליכט פון זונענשייַן.

וואַקכוס, זעווס און אַפראַדיטאַ:
שטאָלצע געטער פון פּאַרנאַס!
היינט איז אייער גרויסער יום טוב;
גיסט זיך ווייַן פון קרוג און פאַס!!!
וויוואַט! וויוואַט! וויוואַט!!!

ד י נ ע ר : (קומט, פאַרנייגט זיך) אַלמעכטיקער קעניג! אונדזער גרויסער גענעראַל ניקאַנור, האָט צוגעשיקט אַ געפאַנג פון צוועלף שיינע אידישע טעכטער. וואָס איז דיין אַלהעכסטער באַפעל צו טאָן מיט זיי?

אַ נ ט י ו כ ו ס : זיי אַריינברענגען אַ הער! (דינער פאַרנייגט זיך, אָפּ רעכטס.)

אַ פּ אַ ל אָ נ י ו ס : (שיכור) ווי געוואונטשן! נאָך שוימיק־שטאַרקן ווייַן, איז זייער גוט מיט די שיינע טעכטער פון יהודה—שפּאַס צוטרייבן. כאַ־כאַ־כאַ!

א ל ע : ווי געוואונטשן. פונקט אין דער צייט! כע־כע־כע!
(מען פירט אריין צוועלף מיידלעך צוגעבונדן צוזאַמען אויף איין לאַנגער שטריק. איינער פירט זיי, אַ צווייטער טרייבט זיי מיט אַ בייטש. זיי קרייזן דורך פאַרן קעניג, אַלע קוקן אויף זיי מיט שפּאָט.)

א נ ט י ו כ ו ס : שיין זענען די טעכטער פון יהודה; נאָר שטאַרק אויסגעצערט.

א פּ א ל א נ י ו ס : דאָס האָט זיי אונדזער בראַווער ניקאַנור מיט האָניק־לעקעך געשפּייזט. כאַ־כאַ־כאַ, די אידן לעבן דאָך אין אַ לאַנד וואו עס רינט מילך און האָניק!

פּ ר י ס ט ע ר : יאָ, בײַ ניקאַנורן לעקן זיי דעם אמתן האָניק. כי־כי־כי!

א נ ט י ו כ ו ס : קענט איר זינגען? די ציון־טעכטער זינגען דאָך זייער שיין!
(מיידלעך שווייגן.)

א נ ט י ו כ ו ס : (אין כעס) וואָס ענטפערט איר ניט? בין איך דען ניט אייער קעניג און הערשער?! שקלאַפן־טרייבער! זאָל דיין בייטש ריידן!
(שקלאַפן־טרייבער שמייסט זיי מיט דער בייטש)

א נ ט י ו כ ו ס : פאַרשטאַנען וואָס איך האָב געפרעגט?
(מיידלעך שווייגן).

א פּ א ל א נ י ו ס : אַ פאַרעקשנט פאָלק די ישראל־קינדער. זיי וועלן זייער גאָט קיינמאָל ניט פאַרשוועכן.

פּ ר י ס ט ע ר : (שטיל צום קעניג) קעניג מעכטיקער, באַפעל זיי צו־זינגען אַ לויב־געזאַנג צו זייער יהוה־גאָט; וועלן זיי דיך פאָלגן.

א נ ט י ו כ ו ס : דענקסטו אַזוי?

פּ ר י ס ט ע ר : איך בין זיכער.

א נ ט י ו כ ו ס : זינגט אייער לעצט געבעט צו אייער גאָט, איידער איר שטאַרבט. און שטאַרבן מוזט איר; ווייל איר האָט מיין באַפעל ניט אויסגעפאָלגט.

ע ר ש ט ע : באַפריי אונדז פון די שטריק, וועלן מיר אונדזער ערב טויט־תפילה זינגען.

א נ ט י ו כ ו ס : באַפרייט זיי פון די שטריק! (מען טוט עס איצט, זינגט!
(מיידלעך הייבן אויף די הענט ווי צום דוכנען. אַלע הערן זיך איין.)

ז י י ז י נ ג ע ן:
גאָט פון יהודה און ישראל!
געלויבט זאָל זיין דער נאָמען יהוה
זיי געגרויסט מעכטיקער הערשער:
איבער די בערג פון אפרים
און אויך אין שרון טאָל!!!

שטאַרק די הערצער פון די טעכטער און זין:
וואָס קעמפן פאַר פרייהייט און גלויבן.
זאָלן די תפילות פון אונדזערע קדושים
אין די הימלען זיך טראָגן,
און זיך צום כסא־הכבוד דערהויבן.

פאַרשאָלטן זאָל ווערן דער מעכטיקער שונא
וואָס וויל אונדז פארוויסטן, פאַרדאַרבן.
מיר האָבן קיין מורא פאַר בייטשן און פיילן,
אלע ווי איינע זענען מיר גרייט:
פאַר פרייהייט און גלויבן צו שטאַרבן . . .

(זיי בלייבן שטיין אין עקסטאַטישער פּאָזע מיט די הענט און קעפּ געווענדעט צום הימל. אַלע אַרום, שטיל און ערנסט.)

א נ ט י ו כ ו ס: שיין געזונגען, אבער זייער אומעטיק, קענט איר טאַנצן?

צ ו ו י י ט ע: יאָ, איצט קענען מיר בלויז אַ גסיסה־טאַנץ — טאַנצן.

א נ ט י ו כ ו ס: כאַ־כאַ־כאַ! אַזוי פיל טעג ניט געגעסן, און אַזאַ וויַיטן וועג דורך בייטשן געגאַנגען, און איר קענט נאָך טאַנצן? . . . אַזאַ כוח פאַרמאָגן בלויז יהודה־טעכטער.

א פ א ל א נ י ו ס: אַ מערקווירדיק פאָלק זענען די אידן. ווי די שלאַנגען זענען זיי. צעהאַק זיי אויף שטיקער, און יעדע שטיק פאַר זיך — לעבט.

א נ ט י ו כ ו ס: האַרפעס, צימבלען, שפּילט אויף אַ טאַנץ, און זאָלן זיי אין טויט פאַרגיין — טאַנצנדיק!

א ל ע: אין טויט פאַרגיין — טאַנצנדיק, כאַ־כאַ־כאַ!
(מוזיק שפּילט, זיי טאַנצן. איינע פאַלט נאָך דער צווייטער)

א נ ט י ו כ ו ס: וואַרפט זיי אַרויס די פגירות!

א פּ א ל א נ י ו ס : אין לייבן־שטייג וואַרפט זיי אריין. זאָלן זיי זייערע הונגעריקע גומענס שטילן מיט אידיש בלוט און פלייש. (מוזיק רייסט איבער. מען שלעפּט אַרויס די טויטע, די האַלב־לעבעדיקע פירט מען אַרויס.)

ד י נ ע ר : (פון רעכטס, פאַרנויגט זיך) אַלמעכטיקער קעניג! אַ עברי איז מיט דער דערלויבעניש פון גענעראַל ניקאַנור אַ הערצו גע־קומען. זאָל איך אים אריינלאָזן?

א נ ט י ו כ ו ס : לאָז אים אַריין.

י א ס א ן : (קומט אריין, קניט פאַרן קעניג, גיט אים איבער אַ מגילה, קעניג לייענט.)

א נ ט י ו כ ו ס : גענעראַל ניקאַנור שרייבט מיר, אַז דו ווילסט אויסדינגען דעם פּריסטער־אַמט פון דיין ברודער חוניו, און דו זאָגסט צו איינצומאָנען גרעסערע שטייערן. ער שרייבט מיר, אַז דו נעמסט זיך אונטער צו פאַרשפּרייטן גריכישע פירונגען צווישן די אידן, און דו ביזט אויך גרייט צו באַצאָלען אַ גרויסע סומע פאַרן פּריסטער־אַמט.

י א ס א ן : אמת, מיין אַלהעכסטער הערשער!... אַט דאָ האָסטו די צוגעזאָגטע סומע אין בארעם גאָלד. (גיט אים אַ זעקעלע. קושט דעם זוים פון קלייד).

א נ ט י ו כ ו ס : (נעמט דאָס זעקעלע) זאָל דיין וואונש באַווי־ליקט ווערן. איך וועל דעם באַפעל איבערשיקן צום גענעראַל ניקאַ־נור, און דו וועסט אינגיכן איבערנעמען ביי דיין ברודער חוניו, דעם אַמט פון הויך־פּריסטער.

י א ס א ן : מיין טיפסטן דאַנק און ברכה צו דיר מיין אַלער־העכסטער הערשער. איך שווער באַם גאָט זעווס, אַז איך וועל העלעני־זירן דאָס אידישע פאָלק. גימנאַזיומס, שפּיל־פּלעצער, היפּאָדראָמען וועל איך אויסבויען. פעסטעוואַלן און אָלימפּיאַדעס וועל איך איינ־פירן, און מיט דער צייט וועלן זיי זייער קליידונג אויך ענדערן. און די וואָס וועלן ניט פאָלגן — וועל איך אין די הענט פון גענעראַל ניקאַנור איבערגעבן.

א נ ט י ו כ ו ס : אַזוי זאָל דאָס געשען! (יאסאָן פאַרנויגט זיך, שטעלט זיך אין אַ זייט.)

ד י נ ע ר : (רעכטס, פאַרנויגט זיך) צוויי אָפיצירן האָבן גע־בראַכט געפאַנגענע — אַ מוטער מיט זיבן זין.

א נ ט י ו כ ו ס : זאָל מען זיי אַריינברענגען. (דינער אָפּ רעכטס)

א פ א ל א נ י ו ס : כאַ־כאַ־כאַ! די פאַרפּלוכטע אידן קינדלעז ווי די ראצן . . . זיבן זין!

פ ר י ס ט ע ר : ווי די ראַצן קינדלען זיי... כע־כע־כע! קלוג געזאָגט.

(מען פירט אריין חנהן מיט אירע זיבן זין, געבונדן איינער צום צווייטן מיט שטריק. אַפּיצער דערלאַנגט דעם קעניג אַ מגילה.)

א נ ט י ו כ ו ס : ביסטו די פרוי וואָס האָט געוואגט ניט צו פאָלגן מיין באַפעל?

ח נ ה : יאָ, דאָס בין איך.

א נ ט י ו כ ו ס : האָסטו דען אויף זיך און דיינע קינדער קיין רחמנות ניט?

ח נ ה : מיינע קינדער זענען מיר טייערער פון מיין לעבן. מיינע קינדער זיינען מיר ליב נאָר דאַן, ווען זיי זיינען מיינע. דאָס הייסט קינדער פון מיין פאָלק. ווען אימיצער פון זיי וועט וואַגן צו פאַרראַטן זיין פאָלק און גלויבן, בין איך גרייט, אַליין מיט מיינע אייגענע הענט אים אומצוברענגען.

א נ ט י ו כ ו ס : באַלד וועסטו זען, צי דיינע קינדער דענקען אויך אזוי ווי דו. באַפרייט זיי פון שטריק.

ח נ ה : קינדער מיינע, האָט קיין מורא ניט פאַרן טויט, שרעקט זיך ניט פאַרן שווערד, זייט מוטיק און שטאָלץ וועלן מיר אונדזער פרייהייט אויסקעמפן. בעסער צו שטאַרבן ווי אַ העלד אין פעלד, איידער לעבן ווי אַ קנעכט אין פאַלאַץ.

א נ ט י ו כ ו ס : שוויג, פאַרשאָלטענע! אויב ניט, וועל איך דיך הייסן קעפּן! נעמט זי צו אַז אַ זייט. (מען טוט עס) ווער איז דער עלצטער פון אייך?

ש א ו ל : איך.

א נ ט י ו כ ו ס : ווי אַזוי רופט מען דיר?

ש א ו ל : שאול איז מיין נאָמען.

א נ ט י ו כ ו ס : שאול, גיי צו און בוק זיך פאַר דעם גאָט. (ווייזט אויף אַ סטאַטוע פון אַ חזיר.)

ש א ו ל : דאָס איז אַ סטאַטוע און ניט קיין גאָט.

א נ ט י ו כ ו ס : בוק זיך, אויב ניט, וועל איך דיך טויטן! (ציט די שווערד פון שייד).

ש א ו ל : איך בין אַ קינד פון אידישן פאָלק. טויזנטער אידישע

קינדער האָבן שוין זייערע לעבנס אוועקגעגעבן פאַר זייער פרייהייט און גלויבן. איך בין אויך איינער פון זיי. מעגסט מיר אויף שטיקער צעשניידן, אָבער מיין פאָלק וועל איך ניט פאַרלאָזן. אַ איד בין איך, און אַ איד וועל איך שטאַרבן.

אנטיוכוס: נעמט אים צו פון דאַנען, און דערהרגעט אים! (מען טוט עס).

אפאלאניוס: אויף שטיקער צעהאַקט אים!

חנה: ער וועט קיינמאָל ניט פאַרראַטן, אין טאַטן געראָטן. זיי געבענטש מיין קינד!

אנטיוכוס: דעם צווייטן אַהער! (ער קומט צו) ווי רופט מען דיך?

נחשון: נחשון איז מיין נאָמען.

אנטיוכוס: ביסטו אויך אַזאַ עקשן ווי דיין ברודער? ווערסטו אויך קיין רחמנות ניט האָבן אויף דיינע יונגע יאָרן? זיינע צעהאַקטע גלידער וואַלגערן זיך שוין דאָרטן, און הינט לעקן שוין דאָס בלוט. ווערסטו זיך בוקן פאַרן גאָט?

נחשון: ניין, מיין ברודער וועל איך ניט פאַרשעמען. אמת, לעבן וויל איך; אָבער אַ פריי לעבן, ניט ווי אַ קנעכט וואָס טוט אַלץ וואָס מען הייסט אים. איך בין אויך אַ קינד פון אידישן פאָלק, און איך בין גרייט שטאַרבן ווי אַלע אַנדערע ביז מיר. קענסט מיך טויטן.

אנטיוכוס: קעפט אים! (מען פירט אים אַרויס) דעם דריטן! (קומט צו) ווי רופט מען דיך?

אביעזר: אביעזר איז מיין נאָמען.

אנטיוכוס: זיי קליגער פון דיינע ברידער, און קני פאַר אָט דעם גאָט, אויב ניט...

אביעזר: ווערסטו מיך טויטן? קענסט דאָס טאָן איך האָב פאַרן טויט קיין מורא ניט. זאָלסט אָבער וויסן, אונדזער אומשולדיק בלוט וועט פון דיר נקמה נעמען.

אנטיוכוס: שוויינ! צום תליון!! (חנה וויל עפּעס זאָגן, מען פאַרהאַלט איר דאָס מויל. עס רייסן זיך דורך די ווערטער:)

חנה: שטאַרב מיט גאָטס נאָמען אויף די ליפּן.

אנטיוכוס: פירט צו אָט יענע דריי! (מען פירט זיי צו) אינגל, קום אַ הער און בוק זיך פאַר דעם גאָט!

ברוך: דו ביסט קיסר און מען דאַרף דיר פאָלגן. איך בין אָבער ניט דיין קנעכט, און איך וויל דיר ניט פאָלגן.

אנטיוכוס: בוק זיך, אויב ניט וועסטו געטויט ווערן!

ברוך: טו וואָס דו ווילסט, איך בין גרייט צו שטאַרבן!

אנטיוכוס: נעמט אים, און צעפּערטעלט אים! (מען נעמט אים).

חנה: (שרייט אויס) זיי גליקלעך מיין קינד, וואָס דו שטאַרבסט צוזאַמען מיט דיינע ברידער.

אנטיוכוס: דעם פינפטן אהער! (מען פירט אים צו) וועסטו זיך אויך לאָזן טויטן ווי דיינע נאַרישע ברידער? פאַרנויג זיך פאַר דעם גאָט, וועסטו בלייבן לעבן.

אבצן: איך וועל בלייבן לעבן, זאָגסטו? צו וואָס זאָל איך בלייבן לעבן, ווען איך הער דאָס כאַרכלען פון מיינע געהרגעטע ברידער. איך בין שטאָלץ וואָס זיי זענען אַזעלכע העלדן. קען איך דען זיין פאַלש צו זיי? נאַ אָט האָסטו מיין האַלדז! שנייד, שטעך!

אנטיוכוס: (שרייט) די מינוט פאַרנויג זיך!!

אבצן: איך בין גרייט צו שטאַרבן, און איך וועל זיך ניט בוקן.

אנטיוכוס: נאָך גאָר אַ שנעק, און איז האַרט ווי אַ שטאָל. פאַרנויג זיך!

אבצן: ניין, מיין מאַמע האָט אונדז פאַרבאָטן צו קניען פאַר דיינע אָפּגעטער, און מיין מאַמעס וואָרט איז פאַר מיר הייליק.

אנטיוכוס: נעמט אים, און שניידט פון אים פּאַסן! (מען נעמט אים).

פּריסטער: די אידן גלויבן, אַז נאָכן טויט וועלן זיי לעבן אַ צווייט לעבן, דערפאַר שטאַרבן זיי מיט אַזאַ גרינג האַרץ.

אפּאָלאָניוס: כע־כע, נאָכן טויט — אַ צווייט לעבן? מען וועט דאָך אים אויף שטיקלעך צערייסן! אונדזערע תלינים זענען דערויף גרויסע בריות.

אנטיוכוס: דעם זעקסטן! (מען פירט אים צו) ביסטו אויך אַזאַ איינגעשפּאַרט אינגעלע? די מינוט פאַרנויג זיך!

שמאי: ניין, איך וועל בעסער פאָלגן מיין מאַמען. מיין מאַמע האָט אונדז געלערנט, אַז מען דאַרף פאָלגן טאַטע־מאַמע, איך האָב ניט קיין טאַטן וועל איך פאָלגן מיין מאַמען.

אנטיוכוס: (ווילד) בוק זיך!

ש מ א י : איך וועל זיך ניט בוקן! (קעניג שפרינגט אויף, שטעכט אים. חנה גיט א יאמערליכן קוויטש).

א נ ט י ו כ ו ס : ווארפט אים אריין אין לייבן־שטייג!!! (מען טראגט אים ארויס).

א פ א ל א נ י ו ס : גוט געצילט, קעניג. גלייך אין הארצן אריין געטראפן. כע־כע!

א נ ט י ו כ ו ס : דעם לעצטן אהערצו. (מען פירט צו אמציהן) ווי אלט ביסטו אינגעלע?

א מ צ י ה : זיבן יאר.

א נ ט י ו כ ו ס : ווייסטו ווער איך בין?

א מ צ י ה : יא, דו ביסט א שלעכטער! דו האסט מיינע ברידער דערהרגעט!

א נ ט י ו כ ו ס : אויב דו וועסט זיך פארנויגן פאר אט דעם א, וועל איך דיר געבן א שיינע מתנה.

א מ צ י ה : איך בין א אידיש קינד, און מיין מאמע האט מיך געלערנט איך זאל זיך ניט בוקן פאר א חזיר.

א נ ט י ו כ ו ס : זעסט דאס רינגל אויף מיין פינגער? איך וועל דאס אראפווארפן אויף דער ערד, און דו בויג זיך אז און הויב עס אויף, וועלן אלע מיינען, אז דו האסט זיך פאר דעם גאט געבוקט.

א מ צ י ה : איך וויל ניט, אז מען זאל אזוי מיינען וועגן מיר.

א נ ט י ו כ ו ס : אויב דו וועסט מיך ניט פאלגן, וועסטו מוזן שטארבן. ווילסטו שטארבן?

א מ צ י ה : שטארבן וויל איך ניט, אבער בוקן זיך וויל איך אויך ניט.

א נ ט י ו כ ו ס : בוק זיך אינגעלע, וועל איך דיר אריינגעמען אין פאלאץ, און דיר מאכן פאר א פרינץ.

א מ צ י ה : איך וויל ניט!

א נ ט י ו כ ו ס : פירט צו זיין מאמען. (מען פירט צו חנהן) שלעכטע מוטער, דאס איז דיין איינציקער און לעצטער זון פון אלע זיבן — וואס איז דערוויילט לעבעדיק. האב רחמנות אויף אים, רעד אים צו, ער זאל זיך פאר דעם גאט בוקן, אויב ניט, וועל איך אים אויך פאר דיינע אויגן דער׳הרגענען.

ח נ ה : (קושט אמציהן) טייער קינד מיינס. לעצטע האפנונג מיינע! פאלג ניט דעם קיסר. שטארב, ווי דיינע ברידער די העלדן.

(צום קעניג) און דו רוצח, מיט דיין שווערד האסטו מיך פאר אוים מאמע געמאכט. נעמזשע אויך מיין לעבן צו. דערהרגע מיך צוזאמען מיט מיין לעצט קינד.

אנטיוכוס: נעמט בא איר צו דאס קינד, און צעשמעטערט זיין קאפ אן א פעלזן־שטיין! (מען רייסט פון איר דאס קינד, זי האלט עס פעסט. מען בייטשט איר און מען רייסט עס ארוים. ביידנס געשרייען מישן זיך צוזאמען.)

חנה: (שרייט מיט די לעצטע כוחות) פריי זיך מוטער, וואס דיינע קינדער שטארבן פאר זייער פרייהייט און גלויבן. גאט פון שרה, רבקה, רחל, ולאה! לאז מיך שטארבן צוזאמען מיט מיינע קינדער. (זינגט א תפילה, שטארבט.)

אנטיוכוס: (אלע ארום דערשראקן און פארוואונדערט. ווען ער קומט צו זיך, שרייט ער אוים מיט רציחה) נעמט זי צו פון דאנען! אירע פארגלעזערטע אויגן שרעקן מיך, (א קאנוואולסיע באפאלט אים. עס ווערט א גערודער, חנה׳ס קערפער טראגט מען ארוים. ווען ער קומט צו זיך, שרייט ער אוים:) איך שווער באם גאט מארס, אז איך וועל אלע אידן אויסראטן. זייער לאנד וועל איך צעשטערן ביז צום גרונט. א שטיין אויף א שטיין וועל איך ניט לאזן. זייער הויפט שטאדט ירושלים, וועל איך צעאקערן, און זייער טעמפל וועל איך פארברענען. זייער געדעכעניש וועל איך פון דער ערד אפווישן. אויב ניט — זאל מיין נאמען ניט הייסן אנטיוכוס!

אפאלאניוס: לאנג לעבן זאל אונדזער קעניג: אנטיוכוס עפיפאנוס!!!

אלע: וויוואט! וויוואט!!!

אנטיוכוס: גיסט אן וויין! זינגט, טאנצט! (מען גיסט אים אן א בעכער וויין) וויוואט פאר די געטער וואקכוס און מארס!!!

אלע: וויוואט, וויוואט, וויוואט!!!

כאר זינגט:

(מיט דער זעלבער מעלאדיע פון „רום און לויב," זייט 11)

מעכטיק איז דאס גריכיש פאלק,
שטאלץ און שטארק ווי הערקולעסן.
אונדזער שנאה צו די אידן —
וועט מען קיינמאל ניט פארגעסן.

קלוג און מעכטיק — אונדזער קעניג,
בראווע קעמפער — גענעראלן.

מיר זענען שטענדיק גרייט צום קריג,
ווען מען הערט פאנפארן שאַלן.

ווייוואַט, ווייוואַט — פאַר אונדזער קעניג!

ווייוואַט, פאַר די מעכטיקע אַרמייען,
ווי אַ ווירבל פון ציקלאָנען —
אויפן שלאַכט־פעלד אַלע גייען!!!

אַ ל ע: ווייוואַט פארן קעניג! (מען טרינקט).

אַ נ ט י ו כ ו ס: טענץ! ברענגט די טענצערינס!

(מוזיק שפּילט, טענצערינס טאַנצן אַ וואַקכאַ־טאַנץ. קעניג שיכור לאָזט זיך לויפן נאָך אַ טענצערין, פאַרהאַנג.)

צווייטער אַקט

(לאַגער פון אידישער אַרמיי אין בית־צור. טיף אין הינטערגרונט — בערג. זעלטן וואו — ביימלעך. אויף אַ באַרג־פלאַך — עטליכעביידלעך. פרייטיק פאַרנאַכט, זונפאַרגאַנג.)

(יהודה, יוחנן, שמעון, יונתן און אליעזר שטייען אין אַ גרופּע שווייגנדיק־פאַרטראַכט, און הערן זיך איין צום געזאַנג פון לאַגער.)

א י ד י ש ע ר כ אָ ר:

„קום פריינד קעגן דער כלה:
לכבוד שבת זי באַגעגענען!
מעג דער שונא מיט שפּיז און פיילן,
ווי אַ האַגל אונדז באַרעגענען.

„הייליק האַלט דעם טאָג פון שבת,"
שטרענג פאַרזאָגט האָט דאָס געבאָט,
„זאָלסט אין יענעם טאָג בלויז רוען,"
האָט געהייסן אונדזער גאָט!

וועט ער לאָזן, אַז דער שונא —
זאָל דעם שבת אונדז צעשטערן?
גאָט־יהוה! אונדזער תפילה —
בעטן מיר דיך צו דערהערן!!!

שיק אַ קראַנקייט אויפן שונא:
ווי אויף די אַרמייען פון סנחריב.
מאָרגן איז דאָך שבת־קודש,
און איצטער איז דאָך ערב . . .

זיי געגרויסט, און זיי געלויבט:
גאָט פון אַלע געטער!!!
באַהיט אונדז, און באַשיץ אונדז,
דו ביסט אונדזער רעטער!!!

(געזאַנג גייט איבער אין אַ געמורמל, שטילער און שטילער.)

י ה ו ד ה: אונדזערע ברידער זינגען די תפילה פון קבלת־שבת, און עס פילט זיך די אָנגעשטרענגטע מידקייט אין זייער געזאַנג. כאָטש איין טאָג רו ווילט זיך זיי האָבן.

י ו נ ת ן : עס איז צו באוואונדערן זייער העלדישקייט. חדשים נאכאנאנד ווי זיי ליגן אין די פעלזן־שפאלטן, און מען האט אפילו ניט ברויט צו זאט, און אלע ווי איינער קעמפן ווי די לייבן.

ש מ ע ו ן : יהודה, זיי ווייסן, אז דער שונא קלייבט צוזאמען זיינע ארמייען ארום בית־צור. ער וויל אין אונדזער הייליקן שבת־טאג פארפירן א שלאכט. וואס ועסטו טאן? וועסטו מחלל־שבת זיין?
(יהודה שווייגט).

א ל ע : זאג, יהודה! וואס וועסטו טאן?

י ה ו ד ה : איך בין ניט יהושע בן נון, און איך קען ניט זאגן: „בלייב שטיין זון אין גבעון, און די לבנה אין עמק הילון." עס איז אלץ אין גאטס האנט, און אויב ער וועט ברענגען דערצו — וועט אנדערש ניט קענען זיין...

ס א ל ד א ט : (פון רעכטס) אנטלאפענע אידן פון ירושלים, האבן זיך דורכגע׳גנבה׳ט דורך דעם שונא׳ס לאגער, און זיי ווילן זען יהודה החשמונאי.

י ה ו ד ה : פיר זיי אריין. (סאלדאט אפ. אלע ווארטן מיט אונ־געדולד. דריי אידן קומען.)

י ה ו ד ה : פון וואנען קומט איר ברידער?

ע ר ש ט ע ר : העלד און פירער! אנטרונענע זיינען מיר פון ירושלים. קוים מיטן לעבן זיינען מיר פון דארטן אנטלאפן.

צ ו ו י י ט ע ר : דער שעכט־מייסטער ניקאנור האט אונדזער הייליקע שטאדט שוין האלב חרב געמאכט, אונדזערע ווייבער און קינדער זענען פון הונגער אויסגעגאנגען.
(יהודה האלט דעם קאפ געזונקען, שווייגט).

א ל י ע ז ר : און וואס איז מיטן בית־המקדש?

ד ר י ט ע ר : וויי צו די אויגן וואס האבן אזעלכעס געזען. דער בית־המקדש איז פארוויסט און פארשוועכט. אויף די מזבחות האבן זיי חזירים קרבנות געבראכט. דאס גאלד פון שולחן און ארון־קודש האבן זיי ארונטערגעריסן און צוגענומען. די כוהנים און בני־כוהנים — אויסגע׳הרג׳עט. דער איינציקער פון די כוהנים וואס לעבט, איז יאסאן דער פאלשער כוהן און פאררעטער... (איך צעוויינט זיך).

י ה ו ד ה : איר האט זיך געראטעוועט פון שונא׳ס הענט, אבער אויך דא זענט איר ניט זיכער. אויב איר ווילט מען זאל ארויסרייסן אונדזער לאנד פון שונא׳ס בלוטיקע הענט, מוזט איר זיך אנשליסן אין

די רייען פון אונדזערע קעמפער, און אויב אייך איז באשערט צו שטאַרבן וועט איר כאָטש שטאַרבן מיט אַ העלדישן טויט — קעמפנדיק פאַר אייער גלויבן, לאַנד און פרייהייט!

יוחנן: מיר זענען בלויז זעקס טויזנט, און ניקאַנורס אַרמיי באַשטייט פון אַריבער פערציק טויזנט סאָלדאַטן באַוואָפנטע מיט פאַנצערס, שילדן און קופּער־היטלען. זייערע שפּיזן, שווערדן און פיילן זענען פון אמתן שטאָל, און אונדזערע שפּיזן זענען היימיש געמאַכטע. איר מוזט זיך אַנשליסן אין דער מחנה פון אונדזערע בראַווע קעמפער.

ערשטער: ליבע חשמונאים־ברידער! מיר זענען גרייט אונדזער לעבן אַוועקצוגעבן פאַר אונדזער גלויבן, לאַנד און פרייהייט, איידער אויסגעשאָכטן צו ווערן ווי די קעלבער פון שעכט־מייסטער — ניקאַנור. זענט איר וויליק, ברידער?

ביידע: אונדזער לייב און לעבן: פאַר אונדזער גלויבן און פרייהייט.

יהודה: שומר (סאָלדאַט קומט פון לינקס) פיר זיי אָפּ אין לאַגער אַריין. דערציילט דאָרטן אייערע ברידער וואָס אייערע אויגן האָבן אין ירושלים געזען.

(שומר פירט זיי אָפּ לינקס, פון רעכטס קומט צולויפן אַ שומר דערשראָקן און מעלדעט:)

שומר: אַ גריכישער עלצטער אין דער באַגלייטונג פון צוויי סאָלדאַטן איז צוגעקומען צו אונדזער לאַגער, און געזאָגט, אַז ער וויל זען דעם אידישן אַרמיי־פירער — יהודה.

אלע: אַ גריכישער עלצטער?!

שומר: יאָ!

יהודה: (פאַרקלערט) פיר זיי אַריין. (שומר אָפּ) וואָס זאָל דאָס באַדייטן?

שמעון: אפשר אַ שפּיאָן?

יונתן: וועט ער דאָך אַזוי אָפן פאַר אַלעמען ניט צוקומען צו אונדזער לאַגער?!

אליעזר: שפּיאָנען קומען שטענדיק בגנבה. (מער הערט מען טריט).

יהודה: שטילער, זיי קומען. (שומר און דריי גריכן קומען)

גענעראל: זיי געגריסט — יהודה המכבי!

י ה ו ד ה : זיי געגריסט — פרעמדער.

ב ר י ד ע ר : זיי געגריסט.

י ה ו ד ה : דאָס זענען מיינע פיר ברידער. (ווייזט אויף זיי) יוחנן, שמעון, יונתן און אליעזר.

(גענעראַל פאַרנייגט זיך. זיי טוען דאָס זעלבע).

י ה ו ד ה : (צום שומר) גיי אויף דיין וואַך־פּלאַץ.

ג ע נ ע ר א ל : (צו די גריכישע סאָלדאַטן) אויך איר קענט גיין און וואַרטן ביז איך וועל צוריקקומען. (שומר און גריכישע סאָלדאַטן אָפּ רעכטס).

י ה ו ד ה : מעג איך וויסן ווער דו ביסט, און וואָס האָט דיך געבראַכט אין אונדזער לאַגער אין אַזאַ שפּעטער שעה?

ג ע נ ע ר א ל : איך בין אַ שליח געשיקט פון גענעראַל ניקאַנור.

י ה ו ד ה : שלוחים קומען ניט באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס. שלוחים קומען מיט אַ ווייסער פאָן און מיט אַ געשריפט פון זייער עלצטן. די גאַנצע זאַך איז מיר פאַרדעכטיקט.

ג ע נ ע ר א ל : (שמייכלט) איך האָב ניט איבער זיך קיין עלצטן...

י ה ו ד ה : וואָס מיינסטו?

ג ע נ ע ר א ל : ווייל איך בין דער עלצטער איבער אַלע עלצטע. איך בין ניקאַנור אַליין.

אַ ל ע : ניקאַנור?

ג ע נ ע ר א ל : יאָ, דאָס בין איך.

י ה ו ד ה : כאָטש מיין בלוטיקער שונא, באַוואונדער איך דיין דרייסטקייט, און איך באַגריס דיך — גענעראַל ניקאַנור. זעץ זיך. (ווייזט אָן אויפן אַ פלאַכן שטיין.)

(ניקאַנור זעצט זיך, יהודה לעבן אים. די ברידער שטייען).

ג ע נ ע ר א ל : איך מוז דיר אויך באַגריסן יהודה. כאָטש לויט דיין שטאַנד ביסטו ניט קיין גענעראַל, נאָר בלויז אַ פּריסטער־זון, אָבער גרויס אָרדענונג און פולע וואַכזאַמקייט הערשט אין דיין לאַגער. דאָס וואָס מיין געניט אויג האָט באַלד באַמערקט.

י ה ו ד ה : ניט מיר קומט דער דאַנק; נאָר די בראַווע העלדן פון אונדזער ארמיי וועלכע זענען גרייט אָוועקצוגעבן זייער לייב און לעבן פאַר זייער לאַנד און פרייהייט. מעג איך וויסן נאָך וואָס דו ביסט אַ הער געקומען?

גענעראל: יא, איך וויל מיר זאלן שליסן שלום.

יהודה: איר די זינער — קומען בעטן שלום? און וואס הייסט בא אייך שלום? פארברענען שטעט און דערפער, קוילען הילפ־לאזע זקנים, ווייבער און קינדער, חרוב מאכן הייליקע טעמפלען, און ארויסרייסן די צונגען בא די וואס ריידן זייער אייגענע שפראך? דאס הייסט בא אייך שלום? ווען איר זאלט אויפריכטיק וועלן שלום, וואלט איר דאך מיט אונדז קיין מלחמה ניט געפירט!...

גענעראל: ניט איך, נאר אונדזער קעניג אנטיוכוס וויל שלום.

יהודה: (סארקאסטיש) ווער קען אנטיוכוסן געטרויען? היינט איז ער אנטיוכוס־עפיפאנוס, און מארגן איז ער אנטיוכוס־עפימאנוס. אנטיוכוס דער משוגענער. עס קאן צווישן אונדז קיין שלום ניט זיין, ביז איר וועט ניט פארלאזן אונדזער לאנד.

גענעראל: צווישן דיין לאגער און אידישער לאנד, שטייט אן ארמיי פון פערציק טויזנט פוס־גייער חוץ רייטוועגענער און פעס־טונג־שטורמער. וועסטו קענעןביישטיין אזא מעכטיקן כוח?

יהודה: יא, מיט גאטס הילף!

גענעראל: דיין גאט וועט דיר ניט העלפן אין זיין שבת־טאג ווען ער רוט.

יהודה: ווילסט מיך צווינגען צו פארשוועכן דעם פאר מיר הייליקן פערטן געבאט?

גענעראל: עס איז געווענדט אן דיר — יהודה. מלחמה אדער שלום...

יהודה: זאל שוין בעסער זיין מלחמה. ניט מיט אייך גריכן קען מען לעבן בשלום. איר זענט באצווינגער, אונטערדריקער און פארשוועכער פון יעדן מענטשנס הייליקטום, אויב ער איז ניט קיין גריך. דו ביסט ספּעציעל געקומען ארויפצווינגען אויף מיר דעם חלול־שבת; איך נעם אים אן, און מיין גאט וועט מיר מוחל זיין, ווייל איך פיר איצט א הייליקע מלחמה און ניט קיין דעראבערונגס־מלחמה — ווי איר גריכן! אויב עס איז אזוי באשערט, ווארף איך זיך אונטער דעם שיקזאל און זאל דער זכות פון מיין הייליקן שבת וועלכן איך מוז דורך דיר פארשוועכן — ביישטיין!!!

גענעראל: (שטעלט זיך אויף) צום ווידערזען.

יהודה: יא, אופן שלאכטפעלד! שמעון, פיר זיי אריבער דורכן לאגער און קום באלד צוריק. און דו יונתן הייס אלע שופרות

שאַלן אַ תקיעה־גדולה. אליעזר, קלייב צוזאַמען אַלע עלצטע און קום מיט זיי אַ הער, מיר מוזן זיין גרייט פאַרן קאַמף. (גענעראַל, שמעון, יונתן און אליעזר אַפּ רעכטס און לינקס. שופרות שאַלן. מען הערט קולות שרייען „וואַכט אויף, וואַכט אויף״!) ברודער יוחנן, לויף אין דאָרף בית־צור און היים אַלעמען: אַלט און יונג — מענער, פרויען און קינדער זיי זאָלן קומען אַרויסבאַגלייטן אונדזערע קעמפער מיט געזאַנג און טענץ! (יוחנן אַפּ רעכטס. פון אַלע זייטן קומען צולויפן עלצטע).

ע ר ש ט ע ר : וואָס איז געשען, יהודה, וואָס די שבת־רו איז געשטערט געוואָרן?

אַ ל ע : וואָס איז געשען?

י ה ו ד ה : ניקאַנור אַליין, איז דאָ אָקאָרשט געווען. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט אָנפאַלן אויף אונדז אין דעם הייליקן שבת־טאָג, ווען אונדזער גאָט רוט.

צ ו ו י י ט ע ר : דענקסטו יהודה צו פאַרשוועכן דעם הייליקן שבת, און אין קאַמף קעגן שונא אַרויסגיין?

י ה ו ד ה: יאָ! דאָס איז אַ הייליקע מלחמה. איך פאַרטיידיק דעם נאָמען פון אונדזער גאָט, און דעם גאָט פון אונדזער אבות־אבותינו. ווילט איר זיך לאָזן אויסשעכטן ווי די קעלבער בלויז דערפאַר ווייל עס איז שבת? ווייסט א י ר אַז אויפהאַלטן אַ מענטשלעך לעבן איז דוחה שבת?!

ד ר י ט ע ר : אָבער ווי קענען מיר זיך קעגנשטעלן אַן אַרמיי פון צענדליקער טויזנטער גוט באַוואָפנטע סאָלדאַטן, ווען מיר זענען בלויז אַ מחנה פון זעקס טויזנט, וועלכע איז אַזוי אָפּגעשוואַכט פון אַזאַ לאַנגן קאַמף!

י ה ו ד ה : בּאַ וועמען עס איז דאָס האַרץ ווייך — זאָל אין דער היים בלייבן, און ווער עס איז פאַר זיין גלויבן, פאָלק און פריי־הייט זאָל גיין מיט אונדז . . . ! היינט, מוזן מיר געבן דעם שונא די אַנטשיידענע שלאַכט, און לאָמיר זאָגן ווי שמשון הגבור האָט אַמאָל געזאָגט: „תמות נפשי עם היונים!״ און מיט דער הילף פון אונדזער גאָט־יהוה וועלן מיר דעם קאַמף געווינען. זאָל אונדזער שלאַגוואָרט זיין: „בעזרת אלהים״!

אַ ל ע : עמנו אל! מיר זענען גרייט צום שלאַכט!!!

(יוחנן קומט, נאָך אים מענער, פרויען און קינדער).

י ה ו ד ה : ברידער! לכבוד דער לעצטער שלאַכט וואָס מען צווינגט אונדז אין הייליקן שבת אָנצופירן, זינגט, טאַנצט און באַ־

גלייט ארויס אונדזערע בראַווע קעמפּפער מיט אַ פרייליכער געמיט. און זאָל דער שונא וויסן, אַז מיר זענען גרייט דעם טויט באַגעגענען מיט געזאַנג אויף אונדזערע ליפּן. זינגט!

כ א ר ז י נ ג ט :

הושיעה נא! העלף אונדז גאָט!
צו געווינען די לעצטע שלאַכט.
צו באַזיגן דעם יון־שונא;
וואָס פאַלט אויף אונדז אַן אין שבת־נאַכט.

מיט מוט און פרייד, נעמט דאָס געווער —
אין אייערע מעכטיק־שטאַרקע הענט.
שלאָגט דעם שונא אויפן קאָפּ
וואָס האָט אונדזער הייליקע שטאָט פאַרברענט.

זייט געבענטשט חשמונאים־זין,
אויך דו יהודה אונדזער העלד!
זאָל גאָט־יהוה זיין מיט אייך —
אין קאַמף אויף בערג, און אויך אין פעלד!!!

א ל ע : זייט געבענטשט! זייט געבענטשט!!!

(טענצעריגס טאַנצן, מען זינגט פון דאָס ניי: הושיעה נא. עס הערט זיך אַ געשאַל פון שופרות).

י ה ו ד ה : איך הער די שופרות שאַלן. אונדזערע ארמייען זענען שוין גרייט צום קאַמף. קומט, און בעזרת אלהים — וועלן מיר דעם שונא בייקומען!!!

א ל ע : זייט געבענטשט, זייט געבענטשט!

(יהודה און ברידער גייען פאַראויס אַלע נאָך זיי. כאָר זינגט)

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם)

דריטער אַקט

(אויפֿן הר־הבית. אַ הויכע שטיינערנע וואַנט וואָס פֿאַרנעמט די גאַנצע ברייט פֿון צווייטן בינע־פּלאַן. אין מיטן אַ גרויסע אָרקע מיט אָפֿענע טויערן. איבערן טויער — אַ קופּאָל מיט אָפּגעריבענעם גאָלד־קאָליר. טיף אין פּערספּעקטיוו, זעט מען דורכן אָפֿענעם טויער אַ גרויסע מנורה וואָס שטייט אויף טרעפּ. מענטשן אַרבעטן. זיי גייען אויף און אָפּ מיט געהילץ און אַנדערע מאַטעריאַלן. אַ געזעמל פֿון זקנים שטייען לעבן טויער און שמועסן צווישן זיך:)

ע ר ש ט ע ר : און וואו איז יהודה מיט די אַנדערע חשמונאים־זין?

צ ו ו י י ט ע ר : נאָכדעם ווי ער האָט געגעבן די פֿאַראָרדענונג אויסצוראַמען דעם בית־המקדש, האָט ער זיך אָוועקגעלאָזט מיט זיינע בראַווע העלדן צו פֿאַרטרייבן דעם שונא ביז דער אַקרא־פֿעסטונג. דאָרטן וועט ער אָוועקשטעלן וואַך, און ער וועט האַלטן דעם שונא געפֿאַנגען ביז ער וועט פֿון הונגער אויסגיין. בלויז שמעון איז דאָ געבליבן, ער גיט אַכטונג מען זאָל אויסרייניקן אַלע אומריינינקייטן, און אַלץ זאָל צוגעגרייט ווערן צום חנוכת־הבית.

ד ר י ט ע ר : איך וואָלט אים שוין געוואָלט זען. איך האָב זיין פֿאָטער מתתיהו גוט געקענט.

פֿ ע ר ט ע ר : אַ דאַנק דעם באַשעפֿער וואָס אונדזערע שונאים זיינען באַזיגט געוואָרן, און אונדזער הייליקע שטאָדט איז ווידער אויפֿגעריכט געוואָרן.

פֿ י נ פֿ ט ע ר : איר זעט? אויף יענעם דאָרן אויפֿן שפּיץ באַרג הענגט, (ווייזט מיטן פֿינגער לינקס) אַפּאָלאָניוסעס קאָפּ וואָס יהודה האָט מיט זיינע אייגענע הענט אָפּגעהאַקט, און טאַקע מיט אַפּאָלאָניוסעס שווערד.

ז ע ק ס ט ע ר : ער האָט פֿאַרדינט זיין שטראָף. מען זאָגט, אַז ער האָט עם חנה בת תנחום מיט אירע זיבן זין פֿאַרפּייניקט צום טויט.

ע ר ש ט ע ר : לאָמיר פֿאַרגעסן אַז די צרות וואָס מיר זענען אויסגעשטאַנען. איצט דאַרף מען זיך פֿרייען מיטן זיג. אמת, צופֿיל אומשולדיקע קרבנות זיינען אומגעקומען פֿון די בלוטיקע רוצחישע הענט, דערפֿאַר וועט זייער נאָמען פֿאַראייביקט ווערן לדור־דורות!

ב ל י נ ד ע ר : נאָך גוט וואָס איך בין בלינד, און איך זע ניט

דעם חורבן און פארשוועכונג וואס דער שונא האט אנגעטאן אין בית־המקדש. און איז דאס אמת, אז ער האט דאס גאלד פון שולחן און ארון־קודש צוגענומען?

צ ו ו י י ט ע ר : ס'איז אמת, זיידע!

ב ל י נ ד ע ר : איז אויך אמת, אז ער האט אויף די מזבחות חזרים געשאכטן, און מיט זייער טריף בלוט די יריעות פון אונדזער הייליקער תורה באשמוצט?

ד ר י ט ע ר : יא, זיידע! די גאנצע שענקייט און ריינקייט פון בית־המקדש האט ער צעשטערט, באשמוצט און מיט די פיס געטראטן. אפגעטטער האט ער אין בית־המקדש אויפגעשטעלט און געצוואונגען די אידן צו זיי חזרים־קרבנות צו ברענגען. און ווייסט איר ווער עס איז זייער כוהן געווען?

א ל ע : ווער? ווער?

ד ר י ט ע ר : א איד, יהושע־חניו דעם כוהן־גדולס ברודער. יאסאן האט ער זיך גערופן. ער וועט שוין אבער זיין שטראף באקומען. שמעון החשמונאי האט אים אין קעלער פון בית־המקדש געכאפט וואו ער האט זיך באהאלטן ווען די יונים זענען אנטלאפן. זיין שטראף וועט ער שוין פון יהודהן באקומען. איצט ליגט ער א געפאנגענער גע־שמידט אין קייטן.

ש מ ע ו ן : (קומט ארויס פון בית־המקדש, נאך אים צוויי סאל־דאטן) וואס שטייט איר דא? גייט א היים, טוט זיך איבער אין אייערע יום־טוב'דיקע בגדים, אויב איר האט אזעלכע, און גייט ארויס מקבל־פנים זיין אונדזערע העלדן וואס וועלן באלד אהערקומען צום חנוכת־הבית. אלץ איז שוין גרייט צו דער הדלקה.

ע ר ש ט ע ר : וואו וועט מען נעמען שמן־זית? דער שונא האט דאך אלץ פאראומריייניקט.

ש מ ע ו ן : אין קעלער פון בית המקדש האט מען געפונען א קריגעלע בוימל וואס איז פארזיגלט מיט דער חתימה פון כוהן־גדול שמעון הצדיק, און עס וועט זיין גענוג אויף היינט פאר דער הדלקת־המנורה.

ב ל י נ ד ע ר: א דאנק דעם האר אין הימל פאר דעם חסד און נס וואס ער טוט מיט אונדז.

ש מ ע ו ן : קומט, לאמיר זיי גיין באגעגענען. קיינער פון אייך טאר ניט אויספעלן בא דער פייערונג פון חנוכת־הבית. קומט (אלע אפ ליבקס. פון ווייטען הערט זיך א געשאל פון שופרות און געזאנג וואס

ווערט נענטער און נענטער. פון רעכטס קומט אַן אַ פּראָצעסיע פון כוהנים און בני כוהנים. זיי טראָגן לולבים. מירטן און פּאַלמע־בלעטער. לויים שפּילן אויף האַרפעס, צימבלען און טאַנצן. אַלע זינגען:)

כ א ר :

מיט ליב און געזאַנג, קומט אַלע אַנטקעגן:
יהודה־המכבי — דעם מוטיקן העלד!
צענדליקע טויזנט הרוגים פון שונא,
צעשלאָגענע ליגן אין טאָל און אין פעלד.

(זיי גייען איבער אויף לינקס. מען הערט אויסגעשרייען:

„לאַנג לעבן זאָלן די חשמונאים־העלדן! לאַנג לעבן זאָל יהודה־המכבי"!
פּראָצעסיע מיט יהודהן קערט זיך צוריק, מאַרשירן אריין און זינגען:)

מיט מירטן און לאָרבער — זיין קאָפּ טוט באַצירן,
אַ העלד איז געקומען יהודה פון קריג.
אַ לויב צו דעם בורא וואָס האָט אונדז געהאָלפן —
איבערן מעכטיקן שונא צו האָבן אַ זיג!!!

מען פירט שוין יהודהן אין הויף פונם מקדש,
מיט פרייד און מיט גליק, שיינט זיין געזיכט.
מיט טרערן פון פרידן — טויזנטער אויגן:
וועלן זען דאָס צינדן' פון מנורה די ליכט.

(אַלע בלייבן שטיין בײַם טויער נאָכדעם ווי יהודה הויבט אויף די האַנט. אַלע הערן זיך איין.)

י ה ו ד ה : ברידער! מיין האַרץ איז איבערפילט מיט פרייד און טרערן. מיט פרייד — וואָס מיר האָבן מיט יהוהס הילף דעם מעכטיקן שונא בייגעקומען, און מיט טרערן — וואָס איך זע ווי חרב און פאַר־וויסט אונדזער הייליקע שטאָדט ירושלים, און דער בית־המקדש איז געוואָרן. דריי שווערע יאָר פון קאַמף האָבן די העלדישע זין פון יהודה אַנגעפירט קעגן די מעכטיקע לעגיאָנען פון די יונים. אונדזערע בעסטע זין האָבן מיט זייער בלוט די ערד פון די שלאַכט־פעלדער באַטרונקען, און די פאַרוואונדעטע האָבן נאָך מיט מערער בראַווקייט זיך קעגן שונא געשטעלט, אַ גרויסע צאָל פון זיי זיינען אומגעקומען פאַר זייער גלויבן, לאַנד און פרייהייט. די שענסטע טעכטער פון ציון זענען דורך די שיכורע זינדער געשענדעט און פאַראומריינניקט געוואָרן, און נאָכדעם האָט מען זיי צום טויט פאַרפייניקט. וועלן מיר זיי דען אַמאָל פאַר־געסן? וועט דען ווער פון אונדז פאַרגעסן אַז דער העלדישער מוטער— חנה בת תנחום און אירע זיבן זין וואָס האָבן איינער נאָכן אַנדערן

זייערע לעבנס אוועקגעגעבן פאר זייער גלויבן, לאַנד און פרייהייט? (מען וויינט) וועלן מיר דען פארגעסן דעם נאָמען פון דעם אַלטן אליעזר וועלכער האָט ליבערשט אויסגעקליבן דעם טויט איידער צו פאַרזוכן אַ שטיקל חזיר־פלייש? וועט דען ווער פון אונדז אַלעמען פאַרגעסן אַן מיין פאָטער מתתיהו־הכוהן, וואָס האָט דער ערשטער פאַר זיין גלויבן, זיין לעבן איינגעשטעלט, און מיט דעם מעסער וואָס אַ אידישער פאַררעטער האָט דעם חזיר־קרבן געוואָלט שעכטן, האָט ער אים און דעם גענעראַל אַפּעלוס דערשטאָכן, און נאָכדעם איך גע־רופן צו דער הייליקער מלחמה? הייליק און איינגעקריצט זאָלן די נעמען פון די העלדן אין אונדזער זכרון בלייבן לדור דורות! (יהודה, און אַלע אַרום וויינען. פויזע. יהודה ווישט אויס די אויגן) ניין, ניט פון וויינען איז איצט די צייט. איצט, איז אַ צייט צו בויען! קומט לאָמיר אַריינגיין אין בית־המקדש, און מיט ליב און געזאַנג צום בורא־העולם פראַווען דעם חנוכת־הבית.

ש מ ע ו ן : יהודה, איידער מיר גייער אַריין צו דעם יום־טוב וויל איך דאָס פאָלק זאָל משפטן איינעם פון אירע פאַררעטער.

י ה ו ד ה : וועמען מיינסטו?

אַ ל ע : ווער איז ער? ווער איז ער?

ש מ ע ו ן : יאָסאָן'ען — דעם פאַלשן כוהן. אין קעלער פון חצר־שני האָבן מיר אים געפונען פאַרשטעקט אין אַ ווינקל. איך האָב אים געשמידט אין קייטן, און איך האַלט אים אָפּגעשלאָסן. און איצט, איידער מיר גייען צום חנוכה־הבית איז די צייט אים צו משפטן. וואָס איז דיין באַפעל, יהודה?

פ אָ ל ק : פאַרשטיינען אים — דעם פאַררעטער!!! אַלע פיר מיתה־משונות קומט אים!

י ה ו ד ה : (הויבט אויף די האַנט, אַלע ווערן שטיל) ברידער, מיר וועלן דעם משפט איבערגעבן אין זיינע אייגענע הענט. היינט איז בא אונדז דער יום־טוב פון חנוכת־הבית, וויל איך, אַז מיר זאָלן זיין ריין און אומבאַפלעקט פון מענטשן־בלוט. אמת, ער איז אַ פאַר־רעטער קעגן דעם גאַנצן אידישן פאָלק, אָבער ניט איך און ניט איר דאַרפן היינט זיין די שופטים. שמעון, היים ברענגען יהושען.

ש מ ע ו ן : אבנר און פלטיאל, גייט און ברענגט יאָסאָן'ען אַ הער. (ביידע אָפּ)

ב ל י נ ד ע ר : קען מען דען אַזאַ זינדיקן פאַרשווייגן? ער האָט פון אונדז הויכע שטייערן געריסן. אַלעמען איינגערעדט יונישע

מנהגים און מידות אנצונעמען, און ווער ס'האט אים ניט געפאלגט, האט ער צום שעכט־מייסטער פארמסרט. אזא איינעם מעג מען אפילו אום יום־כפור דערהרגענען.

י ה ו ד ה : אט פירט מען אים שוין. (סאלדאטן ברענגען יאסאן'ען געשמידט.)

פ א ל ק : (מיט געבייליטע פויסטן) פאררעטער! בוגד!!
— סקילה קומט אים!
— שרפה — פאר אלעמען אין די אויגן!
— הרג — קיין גאנצער אבר זאל ניט בלייבן!
— חנק — מיט אונדזערע אייגענע הענט!!!
— אלע פיר מיתה־משונות צוזאמען קומט אים!
(יאסאן שטייט מיט א געבויגענעם קאפ.)

י ה ו ד ה : יהושע, דו האסט געהערט דאס קול פון פאלק? דו ווייסט דאך „קול המון — כקול שדי." האסטו עפעס וואס צו זאגן?

י א ס א ן : קיין מחילה קען איך ניט בעטן, ניט בא גאט און ניט בא לייט, ווייל איך האב קעגן ביידע געזינדיקט, און איך וויל קיין מחילה ניט האבן, ווייל מיין געוויסן פלאגט מיך. דאס בלוט־געשריי פון די אומשולדיקע קרבנות וואס זיינען דורך מיינע מסירות געפאלן — שרייט צו מיר און פאדערט נקמה. איך נעם אן דעם משפט פון פאלק, און איך וועל אין זיך אליין נקמה נעמען. היים מיר באפרייען פון די קייטן, און גיב מיר בלויז א שטריק. איך נעם אן די מיתה פון חנק. ביז איר וועט פון בית ארויסקומען, וועט מיין קערפער שוין הענגען אויף א בוים, און רויב־פויגל וועלן פון מיר שטיקלעך רייסן.

י ה ו ד ה : באפרייט אים פון די קייטן. (מען טוט עס) איצט איז אונדזער געוויסן ריין, ווייל, „ניט אונדזערע הענט — האבן דאס בלוט פארגאסן." גיי יהושע!

(יהושע גיט געבויגן דעם קאפ, קוקט נישט אויף קיינעם, אלע ווייכן אפ פון אים.)

פ א ל ק : ברוך שפטרנו!

י ה ו ד ה : ברידער, איידער מיר גייען צו דער הדלקה, האב איך צו אייך א בקשה. איך וויל אז דער היינטיקער יום־טוב זאל בלייבן לזכרון. און יעדעס יאר פונקט אין דעם פינף און צוואנציקסטן טאג אין חודש כסליו, זאלט איר פייערן דעם טאג ווען דער יון־שונא איז פארטריבן געווארן פון הר־הבית. אין יענעם טאג זאלט איר פייערן

מיט א הדלקה פון ליכט. און זאָלן די ליכט־פלאַמען זיין די פייערדיקע עדות פאַר אונדזערע געפאַלענע העלדן וואָס האָבן זייער לייב און לעבן אוועקגעגעבן פאַר זייער גלויבן, לאַנד און פרייהייט.

פ אַ ל ק : דיין בקשה איז פאַר אונדז הייליק. אַזוי וועט עס געשען.

י ה ו ד ה : קומט צו דער הדלקה.

(אַלע גייען אריין אין מקדש, שטעלן זיך אויס אין דער לענג אין צוויי שורות אַרום דער מנורה. כוהן גייט אַרויף מיט אַ קריגעלע בוימל, גיסט אַן די רערן. טונקט אַ שטעקל מיט וואָל ארומגעוויקלט אין אַ פייער־בעקן, און גיט עס איבער צו יהודהן. יהודה גייט אַרויף אויף די טרעפ. נעמט צינדן די מנורה. אַלע זינגען:)

הנרות הללו אנו מדליקין:
די דאָזיקע ליכט טוען מיר צינדן —
לכבוד דעם הייליקן זיג.
געבענטשט זאָלן זיין די אידישע העלדן —
וואָס האָבן געוואונען דעם קריג.

ליכטיק זאָלן די פייערן ברענען!
דער שונא זאָל זען זיי פון וויַיט.
יאָ, דער חרובער מקדש ווערט ווידער —
מיט געזאַנג און מיט טענץ איצט באַנייט.

(מענער זינגען, פרויען טאַנצן אין אַ קרייז געווירבל וואָס ווערט אַלע מאָל גרעסער און גרעסער.)

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם)

ליאַלקעס

אַ פּורים שפּיל

אין 1 אַקט



פּערזאָנען:

פּאַיאַץ

פּערעלע (רעדט אַ גוטן יידיש).

סערעלע (קאָן קיין יידיש נישט).

ליאַלקעס:

אחשוורוש

המן

וויזתי

מרדכי

אסתר

חרבונה

ממוכן

אהשתרנים

פּאַרשפּיל:

(אײדער דער פאָרהאַנג גײט אױף, שטעקט דער פּאַיאַץ אַרױס דעם קאָפּ צום פּובליקום און זאָגט:)

פּ א י א ץ : אַ גוטן פּורים, מײַנע ליבע קינדערלאַך. לכבוד דעם הײַנטיקן יום־טוב, װיל איך אײַך אַביסל פֿרײלעך מאַכן. איר װילט װיסן, װער איך בין? אָט װעל איך זיך פֿאָרשטעלן (גײט אױפֿן אװאַנס־סצענע, פֿאַרנײגט זיך, און זאָגט): קלעזמערל, צימבל צו אַ ביסעלע! (הײבט אָן מיטן ניגון פֿון אקדמות):

איך בין דער פּאַיאַץ איבער אַלע פּאַיאַצן;
איך דזשינדזשע מונטער מיט די טאַנצן.
איך טראָג מיט גלעקלעך אַ מיצל,
איך קאָן אױך זאָגן אַ נאַריש װיצל.
מײַן אַרבעט איז — אײַך פֿרײלעך מאַכן,
זיך מאַכן נאַריש — און איר זאָלט לאַכן.
טאָ זינגט־זשע, אַלע קינדערלאַך:
ציגעלע־מיגעלע, קאַטינקע,
רױטע פּאָמעראַנצן,
הײַנט איז פּורים, מאָרגן איז אױס —
טאָ לאָמיר זינגען, טאַנצן.

פֿאַרװאָס זינגט איר ניט? איך װעל ניט אָנהײבן די שפּיל, ביז איר װעט מיט מיר ניט זינגען אַ לידעלע. לאָמיר זינגען: שושנת יעקב! אַלע קוקן אױף מײַן האַנט. (אַקאָרד, פּאַיאַץ דיריגירט, אַלע זינגען):

קום איך אַרײַן צושפּרינגען,
אױף אַ פּיסעלע לױז,
הײב איך אָן צו זינגען,
דער דלות איז מיר גרױס.
זינגען מיר, לױבן מיר, שושנת יעקב —
זינגען מיר, לױבן מיר, שושנת יעקב.
פֿאַרפֿלוכט זאָל װערן המן:
װאָס איז געװען דער ערגסטער,
געבענטשט זאָל װערן מרדכי:
װאָס איז געװען דער בעסטער.

געבענטשט זאָל זיין די מלכה:
וואָס האָט געהייסן אסתר.
זינגען מיר, לויבן מיר, שושנת יעקב.
(ווען מען פאַרענדיקט זינגען, זאָגט ער):
בראַוואָ, אַזוי האָב איך איך ליב.
איצט וועל איך אייך וויזן אַ שיינע שפּיל.
איר זאָלט אָבער זיצן שטיל, שטיל —
ווי די קעצעלעך. (פּאַטשט אין האַנט און שרייט):
לאַפּאַטוט, עפן דעם פאָרהאַנג!!!...

(דער פאָרהאַנג עפנט זיך)

ערשטער אַקט

(די בינע שטעלט פאָר אַ גרויס עס־צימער. אין לינקן ווינקל פון צימער שטייט אַ לאַנגער טיש געגרייט צו דער סעודה. גרויסע פּורים־קוילישן און אַנדערע פּורים געבעקס ליגן אָנגעלייגט. אויפן מיטן טיש, אַ גרויסע זילבערנע מנורה, מיט נישט קיין אָנגעצונדענע ליכט. דער גאַנצער הינטער־גרונט, און די רעכטע זייט פון בינע, איז אויסגעשטעלט מיט שאַכטלען אין וועלכע עס שטייען אַלע הויפּט־אָנטיילנעמער אין פאַרשיידענע ליאַל־קע־פּאָזעס, אומבאַוועגלעך, פאַרפּוצט אין היסטאָרישע קאָסטיומען. די אחשתרנים שטייען צווישן די שאַכטלען. ווען דער פאָרהאַנג עפנט זיך הערט מען ווי פּערעלע און סערעלע קומען אָן.)

פּערעלע: קום שוין, קום שנעלער, וועל איך דיר ווייזן מיינע ליאַלקעס, וואָס מיין פעטער האָט מיר געשיקט שלח־מנות. (זיי קומען אַרויף אויף דער בינע, סערעלע באַטראַכט דעם געגרייטן טיש).

סערעלע: ליסן, פּערלי, וואַט קיין אַף אַ האָלידעי איז טודעי?

פּערעלע: דו ווייסט גאָרנישט? היינט איז דאָך פּורים!

סערעלע: ע, וואַט? בורים?

פּערעלע: גוויעשער קאָפּ! פּורים, ניט — בורים! אַ חרפּה, אויף מיין וואָרט, אַ יידיש מיידל ווי דו זאָל זיך ניט אויסלערנען רעדן יידיש, ווען דו גייסט אָבער אין אַ יידישער שול, וואָלסטו גע־לערנט געשיכטע, אין ניט געפרעגט וואָס „בורים״ איז.

ס ע ר ע ל ע: מאי מאַדער דאַנט קער פאַר דזשוואיש.

פ ע ר ע ל ע: ביסט אַ נאַר, דאָס וואָס דיין מאַמע „קערט" ניט איז נאָך ווייניק, עס איז שוין צייט, אַז דו זאָלסט אַליין פאַרשטיין, אַז אַ יידיש קינד מוז קענען די יידישע שפּראַך, ליטעראַטור און געשיכטע, אַ נישט וועסטו נישט וויסן ווער דו ביסט.

ס ע ר ע ל ע: אָלל־רייט, שאָו מיר יאָור ניו טאָיס!

פ ע ר ע ל ע: נאַרעלע, און אַז איכ'ל דיר ווייזן מיינע ליאַלקעס, וועסטו זיי דען פאַרשטיין? דאָס איז ניט קיין ליאַלקעס גלאַט אַזוי אין דער וועלט אריין. זיי קאָנען טאַנצן, און זיי קאָנען פאַרשטעלן די שפּיל פון אחשוורוש'ן מיט אסתר'ן. אָבער דו וועסט אפילו קיין וואָרט ניט פאַרשטיין פון דער גאַנצער שפּיל.

ס ע ר ע ל ע: לעט סי וואַט דעי קען דו.

(די גאַנצע צייט פון זייער געשפּרעך, קרומט דער פּאַיאַץ איבער סערעלען, און פאַרענדיקט אין יעדן זאַץ.)

פ ע ר ע ל ע: באַלד וועסטו זען. (זי גייט צו צו די שאַכטלען, נעמט ארויס די ליאַלקעס, שטעלט זיי אויס אין איין שורה, מאַכט אַן אָנשטעל ווי דרייט אָן. דער פּאַיאַץ העלפט און טומלט זיך די גאַנצע צייט פון שפּיל, פאַרענדיקט די זאַצן פון אַלע אַנטייל־נעמער, אויף אַ קאַפּוויר־אופן אַקאָרד. די ליאַלקעס טאַנצן. ווען זיי פאַרענדיקן, בלייבן זיי שטיין אין פאַרשידענע צעקרימטע פּאָזעס. פּאַיאַץ, פּערעלע און סערעלע פּלעסקען בראַוואָ, און שטעלן אויס די ליאַלקעס אין איין שורה נעבן די שאַכטלען, אויסער דעם קיניג, וועלכער בלייבט שטיין אויף זיין אָרט).

פ אַ י אַ ץ:

יעמוד, הטיפוש הגדול המלך אחשוורוש.
אַ גראַם צו אַחשוורוש, וועט זיין . . . בפירוש.
עס שטייט בפירוש געשריבן:
אַז דו פאַרמאַגסט הונדערט צוואַנציק זיבן —
לענדער.
און מען זאָגט, אַז דו ביסט אַ גרויסער שווענדער,
און דער הויפּט עיקר:
אַ געפערלעכער שיכור,
ווייל דו ביסט אַן אייניקל פון לויט,
דערפאַר איז דאָס נעזעלע ביי דיר שטענדיק רויט.
און טרינקען קענסטו צוואַנציק שעה אויפן זייגער —
ביז דו פאַלסט אַוועק ווי אַ פּגר.
טאַ לאָמיר זינגען אויפן אַלטן שטייגער:

לאמיר אלע זינגען, א זמרל, א זמרל!
ציפּ, צאַפּ, העמערל,
קום צו מיר אין קעמערל.
איכ'ל דיר עפּעס ווייזן:
א שיסעלע מיט אייזן.
האַפּ, האַפּ, האַפּ!
דריי, פּאַיאַצל מיטן קאַפּ.

אחשוורוש: (פּאַטשט אין האַנט):
וואו זיינען די אחשתרנים?
דערקענט איר ניט אויף מיין פּנים —
אז איך קען ניט שטיין אויף מיינע פיס?
ווען עס איז דאָס לעבן ניט מיאוס —
זאָל באַווייזן וואָס ער קאָן —
און גלייך אריינבערענגען מיין גאָלדענעם טראָן.

חרבונה: בראַנגאַן זע אראַן א שטאַל פּאַרן קאַנאַג!

ממוכן: א שטאַל? וואָס, ער איז א פערד?

חרבונה: ער איז נאָט קאַן פּאַרדאַטש, ער איז א טיפּאַש, א באַהיימאַ. יאַד מאַן, א שטיל!

ממכון: שטיל, שטיל! רעד ניט קיין קאַטשקע־לשון. וואָס מיינסטו?

וויזתי: ער מיינט א שטילוסי, פּאַרן קיניגוסיו. ער זאָל קאַנען מאַכן א זעצוסיו, דאָס מיינסטוסיו?

חרבונה: יאַ־יאַ!

וויזתי: גייט, חברוסו, און ברענגט א שטילוסו.
(צוויי אחשתרנים מאַרשירן אַפּ ווי הילצערנע סאַלדאַטן, און ברענגען אַ טראָן. קעניג זעצט זיך.)

אחשוורוש: רופט מיר צו מיין גרויסן חכם ממוכן.

פּאַיאַץ:
קום אַהער, חכם ממוכן —
דיין קעניג וויל געווים בראַנפן מיט קוכן,
זאָג אים, אז צופיל שיכורן איז מיאוס,
ווייל ער פאַלט שוין אַזוי אויך פון די פיס.
אמת, היינט איז טאַקע פּורים —
און עס שטייט געשריבן אין די הייליקע ספרים;
אז צו זיין שיכור אום פּורים איז א מצוה א גרויסע.

דיין קעניג מאכט דאך אבער א כוסה —
א גאנץ יאר.
טו זיי א קלוגער ריכטער,
און זאג אים, אז היינט דארף ער זיין ניכטער.
מעג ער אפילו ווערן צעשפרינגען (ממוכן גייט צום קעניג),
וועל איך זינגען:
גייט א גוי אין שענקל אריין, אין שענקל אריין,
טרינקט ער דארט א פעסעלע וויין, א פעסעלע וויין, א
פעסעל וויין.
אוי, שיכור איז א גוי!
שיכור איז ער, טרינקען מוז ער,
ווייל ער איז א גוי. (ביס)

ממוכן: (מארשירט צו, פארנויגט זיך):
מיין גרויסער האר און קעניג,
איך בין דיר שטענדיק אונטערטעניק,
און גרייט צו יעדער צייט, און ארט —
אויסצופאלגן דיין יעדעס ווארט,
זאג, איך הער —
וואס איז דיין באגער?

אחשוורוש:
מיין באגער . . . וועט זיין — — —
ניט ווייניקער, און ניט מער . . . ווי א פלאש וויין . . .
יא, ממוכן, איך וויל אויך פארזוכן —
פון דעם זאפראן־קוכן —
וואס מיין וושתי האט געבאקן . . .

פאיאץ:
איכל די באלד געבן אין האלדז און נאקן.
פערעלע האט געבראכט א חבר׳טע און וויל איר ווייזן די
פורים־שפיל,
און ער וויל גאר בראנפן . . .
פערעלע, דריי אן די ליאלקעס, און לאמיר מאכן פראבע פון
שפיל,
ווי לאנג אין שטוב איז נאך שטיל.
(מען דרייט אן די ליאלקעס פון דאס ניי. זיי מארשירן צו צום
קעניג און שטעלן זיך אויך ארום אין האלבן קרייז. אלע הויבן אן):

אלע:
מיר זיינען געקומען אייך פריילעך צו מאכן,

מיר וועלן-שפילן, און איר וועט זיך לאכן.
היינט איז דאך פורים — א יום־טוב ביי אידן,
פון אונדזער שיין שפילן — וועט איר זיין צופרידן.

ו ו י ז ת י : (פארנייגט זיך)
איך בין ווייזתי,
דער גרויסער חכמוסיו, —
א זון פון גרויסן רשע׳סיו,
המן בן המדתי.
זאל דער קיניגוסיו
געבן עפעס א זאגוסיו . . .

פ א י א ץ : (צום פובליקום): הערט אייך צו, דער שוטה בן פיקהאלץ רעדט . . .

א ח ש ו ו ר ו ש :
איך בין אחשוורוש, דער מלך פון פרס,
וושתי מיין ווייב האט מיר פארשאפן פיל צרות.
זי איז אויף דער סעודה צו מיר ניט געקומען,
האט מען דעם נארישן קאפ איר ארונטערגענומען.
מיין נאמען איז גרוים אויף דער גאנצער וועלט,
כ׳האב א סך לענדער, כ׳האב א סך געלט.

(ווייזתי לאכט און שפרינגט. סערעלע שטייט און גאפט. פערעלע האט הנאה, פאיאץ ענדיקט יעדן זאץ קאפויר.)

ו ו י ז ת י : (צו המנ׳ען):
טאטוסיו, עפן דיין מוילוסיו,
און זאג עפעס דעם טיפישוסיו.

ה מ ן : (פארנייגט זיך):
גרויסער מלך, דערלויב מיר דיר עפעס זאגן.
עס איז פאר מיר צו שווער — כ׳קאן דאס ניט פארטראגן.
אין אונדזערע מדינות זענען פאראן א סך יידן —
וואס זענען מיט דיר ניט צופרידן.

פ א י א ץ : (צום פובליקום): אוי, אי: ראס א המן, נאר המנ׳ס מפלה זאל אויף אים קומען.

א ח ש ו ו ר ו ש : ווער — די יידן?

(המן וויל עפעס זאגן, רייסט איבער אין האלבן ווארט, בויגט זיך אי[illegible]ארן:)

פ א י א ץ : ער האט געוואלט רעדן שלעכטס אויף יידן. האט איך אפגענומען דאס לשון.

פ ע ר ע ל ע: איין מינוט, וועל איך אים אַנדרייעז, וועט ער ווייטער ריידן (טוט עס).

ה מ ן: (בוקט זיך):

יאַ, פון דיינע געזעצן האַלטן זיי אין איין לאַכן.
זיי ווילן אונדז פאַר קבצנים מאַכן·
אַלע געשעפטן זענען ביי זיי אין די הענט,
אונדזער גלויבן — איז ביי זיי דאָך געשענדט·
ליבער, גרויסער קעניג:
פון לאַנד זיי פאַרטרייבן, איז נאָך ווייניק,
מען טאָר צו זיי ניט זיין קיין ווייכער,
מען דאַרף זיי פאַרטיליקען —
ס׳זאָל פון זיי ניט בלייבן קיין זכר.
גרויסער קעניג, ליבער האַר:
צען טויזנט רענדלעך — גיב איך דיר דערפאַר.
(גיט אים אַ בייטל מיט געלט·)

פ אַ י אַ ץ: (צום פובליקום): איר הערט? אויף דעם בייזן המן זאָל קומען . . . איר ווייסט אַליין שוין וואָס!...

וו י י ז ת י: ליבער טיפּישוסיו, איך, וויזתי — דער גרויסער חכמוסיו, היים דיך נעמען דאָס געלטעסיו, וועט זיין אַ ברכה׳סיו צו דיין קאַפּוסיו (ניסט) האַפּטשו, האַפּטשו!

אַ ח ש ו ו ר ו ש:

המן, ביסט אַ קלוגער מאַן:
מיר געפעלט דיין פּלאַן.
גיי, און טו לויט דיין פאַרשטאַנד,
נאַ דיר דאָס רינגל פון מיין האַנט (גיט אים רינגל),
אַ באַפעל צעשיק איבערן גאַנצן לאַנד,
אַז איך, אחשוורוש, האָב באַוויליקט —
אַז די יידן אין איין טאָג זאָלן ווערן פאַרטיליקט —
(המן פאַרנויגט זיך דריי מאָל, רוקט זיך אָפּ אין אַ זייט)·
(אסתר קומט צו צום קעניג, ער דערלאַנגט איר זיין סצעפּטער, זי פאַרנויגט זיך און רירט אים אָן).

אַ ח ש ו ו ר ו ש:

ליבע, שיינע און טייערע פרוי;
וואָס ביסטו דערשראָקן, און בלאַס אויך אַזוי?
וואָס פאַרלאַנגסטו — איך בעט דיך, זאָג!
איך גיב דיר האַלב וואָס איך פאַרמאָג.

אסתר:

זעסטו, מיין פנים איז בלייך און ווייס,
כ'האָב געהערט אַ שרעקלעכע נייס:
מען וויל דאָס יידישע פאָלק פאַרניכטן —
נאָר דו אַליין קאָנסט דאָס פאַרריכטן.

אחשוורוש: זאָג, ווער וויל דאָס אַזעלכעס טאָן?

אסתר: (ווייזט אויף המן'ען) אָט דער בייזער המן!

(המן דערשרעקט זיך).

ווייזתי: ויי, ויי, טאַטוסיו, מירן ווערן די כפּרה'סיו. (וויינט)

פּאַיאַץ (צום פּובליקום): איר הערט? עס איז אַ סברה, אַז המן וועט היינט ווערן די כפּרה.

חרבונה: (רוקט זיך אַרויס) יאַד האָב גאַהאַרט אַ שראַקלאַכע יאַדייע, האַמאַן האַט געמאַכט אַ תלאַיע, פאַר מאַרדכאַס וואַגן!

אחשוורוש: וואָס בעבעסטו? פּיפּערנאָטער?

מרדכי: (רוקט זיך צו)

גרויסער קעניג: איך בין דער, וואָס האָט
דיך אַמאָל געראַטעוועט פון טויט.
בעט איך דיך אונדז העלפן אין אַ נויט,
שרייב אונטער אַ פּאַפּיר,
אַז די יידן זאָל קיינער ניט טאָרן געבן קיין ריר.

(אַחשוורוש שרייבט אונטער)

אחשוורוש: (מיט כעס) המן, האָסטו געמאַכט אַ תליה פאַר מרדכי'ס וועגן?

המן: (שטיל) יאָ . . .

אחשוורוש: זאָלסט אויף איר דעם טויט באַלד קריגן.

ווייזתי: (וויינט) המן בן המדתי, אַ קלאָג צו דיין קאַפּיסיו.

(צוויי סאָלדאַטן נעמען המן'ען אונטער די הענט).

אחשוורוש: און מרדכי'ן זאָל מען פאַרן ערשטן מיניסטער מאַכן.

(פּערעלע און סערעלע פּאַטשן בראַוואָ, פּאַיאַץ מאַכט משוגענע שטיק.)

המן: (זינגט) (פון א. ליטווינס „פורים־שפּיל")

וואו וועט מען הענגען, הענגען —
מיין שיינעם ראָק?
זאָגט־זשע, איר אַלע! . . .

כ אַ ר :

אויפֿן גאַלגאַן שטעקט אַ טשוואַק,
דאָרטן וועלן מיר הענגען —
דיין שיינעם ראָק.

ה מ ן :

וואו וועט מען הענגען, הענגען —
מיין שיינעם מיץ?
זאָג־זשע איר אַלע! . . .

כ אַ ר :

אויפֿן גאַלגאַן שטעקט אַ שפּיץ,
דאָרטן וועלן מיר הענגען דיין שיינעם מיץ . . .

ה מ ן :

וואו וועט מען הענגען, הענגען —
מיינע שטיוול־שפּאָרן?

כ אַ ר :

אויפֿן גאַלגאַן שטעקט אַ דאָרן:
דאָרטן וועט מען הענגען דיינע שטיוול־שפּאָרן.

ה מ ן :

וואו וועט מען הענגען, הענגען —
מיינע צען קינדער?

כ אַ ר :

אויפֿן גאַלגאַן גייען רינדער:
דאָרט וועט מען הענגען דיינע קינדער.

ה מ ן :

וואו וועט מען הענגען המן׳ען אַליין?

כ אַ ר :

אויפֿן גאַלגאַן שטייט אַ בוים.
דאָרט וועט מען הענגען המן׳ען אַליין,
המן׳ען אַליין . . .

(המן פֿאַלט אין חלשות. די סאָלדאַטן כאַפּן אים אונטער די הענט, ער בלייבט אַזוי מיט אַן אָראָפּגעהאָנגענעם קאָפּ.)

פּ אַ י אַ ץ : נו, וואָס זאָגסטו, המן הרשע? וועסט שוין וויסן נאָכאַמאָל ווי צו טשעפּען זיך צו יידן, און אויסטראַכטן אויף זיי בלבולים אומזיסט און אומנישט. אַלע המן׳ס ווינטש איך אַזאַ סוף. באַלד וועסטו ליגן אין דר׳ערד, און מרדכי הצדיק וועט רייטן אויפֿן פערד . . .

ו ו י ז ת י : אַ בראַכוסיו צו מיין קאַפּוסיו, באַלד וועלן מיר הענגען אויף דער תליה'וסיו . . . (וויינט)

פּ אַ י אַ ץ : שטילער, לעקיש, רעווע ניט אַזוי. פּערעלע, זאָלן די ליאַלקעס זינגען עפּעס אַ פריילעך לידל, און נאָך דעם וועלן מיר אַלע צוזאַמען גיין אַ טענצל. ערשטנס, איז דאָך היינט עפּעס פּורים אויף דער וועלט. צווייטנס, פּטור געוואָרן פון אַ המן, און וואָס וויניקער המן'ס, אַלץ געזונטער וועט זיין פאַר אונדז אַלעמען.

(פּערעלע און סערעלע לויפן צו צו די ליאַלקעס, מען דרייט זיי אָן. אַלע ליאַלקעס זינגען: „היינט איז פּורים, ברידער.")

(קאָמישער ליאַלקע טאַנץ. פּערעלע און סערעלע טאַנצן מיט. פּאַיאַץ פּלעסקעט בראַוואָ און שרייט):

פּ אַ י אַ ץ : אַט אַזוי, ליאַלקעס, האָב איך אייך ליב. איצט גייט צוריק אויף אייערע ערטער.

(די ליאַלקעס שפּרינגען אויף צוריקוועג צו די שאַכטלען. סערעלע איז שטאַרק באַגייסטערט, כאַפּט אַרום פּערעלען, קושט איר און זאָגט):

ס ע ר ע ל ע : די פּלעי וואָז גרעיט, ענד יאָור דאָלס אַר וואָנדער־פול . . . (פּרוּווט ריידן יידיש) טומאָרא, איך קום אין יור שול לערנען דזשואיש.

פּ ע ר ע ל ע : בראַוואָ, סערעלע, בראַוואָ!

(כאַפּן זיך אַרום, און קושן זיך).

(פאָרהאַנג)

שלמה און שולמית
(שיר השירים)
היסטאָרישע געזאַנג-שפּיל
אין 3 אַקטן און 4 בילדער

אנטיילנעמער:

שלמה המלך
שולמית
עוזיאל, איר ברודער
צפירירה, איר חברטע
אסטים, שלמה׳ס ווייב, עגיפּטישע פּרינצעסין
פּריסטער פון „אזירים״ טעמפּל
אליאב, עלצטער פון שלמה׳ס לייב־וואַך
בניהו בן יהוידע, הויפּטמאַן איבער אַלע חילות
יהושפט, כראָניק שרייבער
באלקים, מאקעדא, מלכה פון שבא
צוויי מיניסטאָרן פון שבא
כוהן גדול
רופא
אדוינירם, שאצמייסטער
פלטיאל, איינער פון שלמה׳ס וואַך
אחיור, דימענטשלייפער
זכריה
ראובן
יוסף
רחמה, אָרימע פרוי
יוחנן, בנימין, אלישע, דריי ברידער
גדליה און שמעון, צוויי ברידער
לויים־כאָר. פּריסטער און פּריסטערינס. מיידלעך — שולמית׳עס חבר׳טעס
וואָכלייט און סאָלדאַטן. סנהדרין און זקנים.

ערשטער אַקט

(ווייט אין הינטערגרונט זעט מען די יהודה־בערג. אַ שטיינערנע וואַנט ציט זיך איבער דעם צענטער אויף לינקס. איבער דער וואַנט ציען זיך געוויקסן פון וויינטרויבן. ביי דער לינקער זייט פון וואַנט — אַ שורה פון צעדער־ביימער. רעכטס אַ פּאַר פּאַלמען־ביימער. שולמית גייט אַרום און רייסט וויינטרויבן און לייגט זיי אין אַ קערבל. זי איז אָנגעטאָן אין אַ דין ליכטיק־בלוי קלייד מיט ברייטע אַרבל, אַרומגעבונדן מיט אַ ברייטן גאַרטל. אויפן האַלדז אַ געקייטלטער האַלדז־באַנד. די האָר — טונקל רויטע, איינגעפלאָכטן מיט בלומען. אויף די פיס סאַנדאַלן. איר פּנים זעט אויס מיד. זי זינגט:)

לעשן זיך פון זון די שטראַלן,
קילער ווערט די לופט.
שאָטנס פון די ביימער פאַלן,
מיט בשמים־שמעקט די לופט.

קער זיך שנעלער מיין געליבטער,
איל זיך, קום געשווינד.
אין מיין האַרצן נאָגט אַ בענקשאַפט,
גרינג זיי ווי אַ הינד.

שנעל פאַרשווינדט איר בייזע פוקסן,
פאַרדאַרבער פון די טרויבן.
ניט געהיט האָב איך מיין גאָרטן —
ווען מיין ברודער גלויבן.

קום־זשע בחור, קום געטרייער,
טרילער אויס דיין שיין געזאַנג.
וועק די ליבע אין מיין האַרצן,
וואָס רייפט שוין דאָרט פון לאַנג...

(זי לייגט אַרויף די הענט אויף דער פלאַך פון וואַנט, פאַרמאַכט די אויגן. פויזע. שלמה באַווייזט זיך פון צווייטן זייט וואַנט.)

שלמה: יונג־פרוי, באַווייז מיר דיין פּנים, און לאָז נאָך אַמאָל הערן דיין זיס קול.

ש ו ל מ י ת : (שפרינגט אַפּ אַ דערשראָקענע, בלייבט שטיין אַ פאַר־וואונדערטע.)

ש ל מ ה : לאָז נאָך אַמאָל דיין שטימע הערן, ווייל זי איז האַניק־זיס, און דיין געשטאַלט איז ליבלעך. (אינסטינקטיוו רוקט זיך שולמית נעענטער, קוקט אויף שלמהן מיט מורא און אַנטציקונג. זי רעדט זייער שטיל.)

ש ו ל מ י ת : זיי מיר מוחל, איך האָב דיך ניט באַמערקט בחור שיינער. זאָג, ווער ביסטו? און וועמען זוכסטו?

ש ל מ ה : דיין שיין געזאַנג האָט מיך פון ווייטנס געצויגן, און אַ הערצו געבראַכט. (שולמית רויטלט זיך, לאָזט אַראָפּ די אויגן) דו האָסט וועגן דיין געליבטן געזונגען. ער מוז זיין גרינג ווי אַ הינד, און זייער אַ שיינער. ניט אמת, יונג־פרוי?

ש ו ל מ י ת : (מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און שטיל אומעטיק קול) איך האָב ניט קיין געליבטן. דאָס זינג איך בלויז אַ ליד אַזוינס. איך האָב נאָך קיינמאָל קיין געליבטן ניט געהאַט. (פויזע. זיי קוקן איינער אויפן צווייטן.)

ש ל מ ה : (שמייכלט) איך גלויב דיר ניט, דו ביסט דאָך אַזוי וואונדערלעך שיין!

ש ו ל מ י ת : דו מאַכסט חוזק פון מיר. קוק ווי שוואַרץ איך בין. (זי הייבט אויף אירע הענט, די ברייטע אַרבל פאַלן אַרונטער ביז צו די אַקסל) מיינע ברידער האָבן געצערנט אויף מיר, זיי האָבן מיך גע־מאַכט פאַר אַ היטערן פון די וויינגערטנער, נאָר מיין אייגענעם וויינ־גאָרטן האָב איך ניט אָפּגעהיט. זע, ווי פאַרברענט איך בין פון דער זון.

ש ל מ ה : די זון האָט דיך נאָך שענער געמאַכט. (שולמית שמייכלט) אָט האָסטו זיך צעלאַכט, און דיינע ציין זיינען ווי אַ סטאַדע שאָף געטאַקטע וואָס קומען אַרויף פון געוועש און צווילינגן זיך אַלע, און ניטאָ קיין פאַרוואָרפערן צווישן זיי. דיינע אויגן זיינען טויבן פון דיין שלייער אַ דורך. דיינע האָר ווי אַ סטאַדע ציגן וואָס לאָזן זיך אַראָפּ פון בארג גלעד. דיין מויל איז באַ'חן'ט, און ווי אַ רויטער פאָדים זיינען דיינע ליפּן. ווי אַן אויפשניט־מילגרוים איז דיין שלייף פון דיין שלייער אַ דורך. דיין האַלדז — ווי דער טורעם פון דוד אויף אַנצוקוקן געבויט. טויזנט פאַנצערס הענגען אויף אים, און אַלע שילדן פון די גבורים.

ש ו ל מ י ת : אָה, רעד, רעד נאָך...

ש ל מ ה : דער וואוקס פון דיין קערפּער איז געגליכן צו אַ טייטל־בוים! (זי פאַרשטעלט דאָס פּנים) דיינע לענדן זיינען שלאַנק ווי צווייי

וואָזעם געמאַכט פון אַ גרויסן קינסטלער. נעם אַראָפּ דיינע הענט יונג־פרוי, און באַווייז מיר דיין שיין פּנים. (זי לאָזט שטיל אַראָפּ די הענט. נאָכט פאַלט לאַנגזאַם צו.)

ש ו ל מ י ת: (מיט פלאַטער) זאָג מיר, בחור, ווער ביסטו? איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען אַ מענטשן וואָס זאָל זיין צו דיר געגליכן.

ש ל מ ה: איך בין אַ פּאַסטוך, שיינע יונג־פרוי. איך פּיטער סטאַדעס ווייסע שעפּסלעך אויף די יהודה־בערג וואו דאָס גראָז איז מיט נאַרציזן באַצירט. ווערסטו אפשר אויף מיינע לאַנקעס קומען?

ש ו ל מ י ת: דערנקסטו, אַז איך וועל דיר אַזעלכעס גלויבן? דיין פּנים איז פון דעם ווינט ניט פאַרגרעבט און פון דער זון ניט פאַר־ברענט, און אויך דיינע הענט זיינען ווייסע. אויף דיינע אַקסלען טראָגסטו אַ טייער קליידער וואָס יעדעס קנעפּל האָט אַזוי פיל די ווערט וויפיל מיינע ברידער באַצאָלן צינזן צו אַדוינרם'ען דעם קעניגס צינז־מאָנער. איך ווייס, דו קומסט פון דאָרטן, פון שרון־טאָל. דו מוזט זיין איינער פון די וואָס שטייען נאָענט צום קעניג. מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב דיך איינמאָל געזען אין אַ גרויסן יום טוב, און איך געדענק אפילו ווי איך בין נאָך דיין רייטוואָגן נאָכגעלאָפן.

ש ל מ ה: (מיט אַ שמייכל) האָסט געטראָפן, ליבסטע מיינע. פון דיר איז שווער צו באַהאַלטן, איך בין איינער פון קעניגס דינער. איך בין דער הויפּט־קוכער פון קעניג. האָסט מיך געמוזט זען אין אַ פּסח־טאָג ווען איך בין געפאָרן אין עמינדב'ס רייטוואָגן... פאַרוואָס שטייסטו אַזוי ווייט פון מיר? גיי צו נעענטער, און זעץ זיך דאָ אויף דער שטיינערנער וואַנט, און דערצייל מיר עפּעס וועגן זיך. זאָג מיר, ווי אַזוי רופט מען דיך?

ש ו ל מ י ת: שולמית, רופט מען מיך.

ש ל מ ה: זאָג מיר שולמית, פאַרוואָס צערנען דיינע ברידער אויף דיר?

ש ו ל מ י ת: עס איז מיר אַ חרפּה צו ריידן וועגן דעם.

ש ל מ ה: שעם זיך ניט, דערצייל.

ש ו ל מ י ת: (קומט צו נעענטער און שמייכלט) מיינע ברידער האָבן מיך אין שטאָט אַריין געשיקט צו קויפן ברויט און ציגן־קעז, און איך...

ש ל מ ה: און דו האָסט דאָס געלט פאַרלאָרן?

ש ו ל מ י ת: ניין, נאָך ערגער... (פאַרשעמט) חוץ דעם ברויט און קעז, האָב איך אויך געקויפט אַ ביסעלע רויזנאויל ביי אַן אַלטן מצרי אין אַ בשמים־קרעמל.

ש ל מ ה: און דו האָסט עס פאַרבאָרגן פון דיינע ברידער?

ש ו ל מ י ת: יאָ,... רויזנאויל שמעקט אַזוי גוט!

(שלמה שטרעקט אויס זיין האַנט איבערן צוים, נעמט שולמית'ס האַנט, ציט איר צו צום וואַנט, און צערטלט איר האַנט.)

ש ל מ ה: דיר מוז זיין אומעטיק צו זיין אַליין אין וויינגאָרטן?

ש ו ל מ י ת: ניין, איך אַרבעט, און זינג. אַרום האַלבן טאָג ברענגט מיר מיין שוועסטער עסן, און אין אוונט בייט מיך איבער איינער פון מיינע ברידער. ווען איך האָב ניט וואָס צו טאָן גראָב איך אויס מאַנדראַגאָרן־וואָרצלען וואָס זיינען צו קליינע מענטשעלעך גע־גליכן. די סוחרים פון בבל קויפן זיי. מען זאָגט, אַז זיי מאַכן פון דעם אַזאַ שלאָפּטראַנק. זאָג מיר, איז עס אמת, אַז די מאַנראַגאָרן־וואָרצלען העלפן אין ליבע?...

ש ל מ ה: ניין, שולמית טייערע. אין ליבע העלפט בלויז די ליבע אַליין... זאָג מיר, האָסטו אַ פאָטער, אַ מוטער?

ש ו ל מ י ת: אַ מוטער בלויז. מיין פאָטער איז מיט צוויי יאָר צוריק געשטאָרבן. די ברידער וואָס זיינען עלטער פון מיר, זיינען פון מיין מוטערס ערשטן מאַן. מיט דעם צווייטן מאַן, האָט זי מיך און מיין שוועסטער געבאָרן.

ש ל מ ה: דיין שוועסטער איז אויך אַזוי שיין ווי דו ביסט?

ש ו ל מ י ת: מיין שוועסטער איז נאָך אַ קליינע, זי איז ערשט ניין יאָר אַלט.

ש ל מ ה: ניין יאָר בלויז?! (ער בייגט זיך אַריבער דעם צאַם, הייבט אויף שולמיתן, זעצט זי אַרויף אויפן ראַנד פון צאַם, ער טוליעט זיין קאָפּ צו איר ברוסט) איך הער דאָס העפטיקע קלאַפּן פון דיין האַרץ, און אַז דו אָטעמסט הער איך דעם ריח פון רייפע עפּל. ליבסטע מיינע, מיט איין קוק פון דיינע שוואַרצאַפּלען האָסטו מיך באַצויבערט. (ער קוקט איר שטאַר אין די אויגן.)

ש ו ל מ י ת: (דריקט זיין קאָפּ צו זיך) קוקט ניט אַזוי שטאַר אויף מיר, דיינע אויגן באַאומרואיקן מיך. (שלמה קושט זי צאַרט) צו וואָס טוסטו דאָס? איך בין דיר דאָך אַ פרעמדע...

ש ל מ ה: ווי שיין איז דיין ליבשאַפט, מיין כלה... דיין ליב־שאַפט איז בעסער פון וויין, און איר ריח, איז געשמאַקער פון די

בעסטע בשמים. האַניק־זאַפּט — טריפן דיינע ליפּן, מילך און האָניק איז אונטער דיין צונג, און דער ריח פון דיינע קליידער — איז ווי דער ריח פון לבנון. קום ליבסטע מיט מיר אַט דאָ הינטער דער וואַנט, קיינער וועט אונדז דאָ ניט זען, אונטער די צעדער איז שאָטנדיק און קיל, אויך דאָס גראָז איז פריש און ווייך. (ער וויל זי אַריבערנעמען, זי ווערט זיך.)

שולמית: ניין, ניין. לאָז מיך אָפּ. איך קאָן ניט, איך וויל ניט...

שלמה: שולמית, כלה מיינע. דו ווילסט, דו ווילסט, קום מיט מיר... (מען הערט טריט, זי וויל אַראָפּשפּרינגען פון וואַנט, שלמה לאָזט ניט) זאָג מיר געשווינדער, וואו איז דיין הויז?

שולמית: ניין, ניין. איך וועל עס דיר ניט זאָגן. לאָז מיך אָפּ, איך וועל עס דיר ניט זאָגן...

שלמה: איך וועל דיך ניט אָפּלאָזן, ביז וואַנען דו וועסט עס מיר זאָגן. מוזט מיר זאָגן!

שולמית: גוט, איך וועל זאָגן. איך באַשווער דיר אָבער, אַז היינט באַנאַכט זאָלסטו צו מיר ניט קומען, און אויך ניט אין קומענדיקער נאַכט, און אויך ניט אין דער דריטער נאַכט. איך באַשווער דיך ביי די הירשן און ביי די הינדן אין פעלד, דו זאָלסט ניט וועקן דיין געליבטע, ביז זי וועט עס אַליין ניט פאַרלאַנגען.

שלמה: (קושט איר) איך זאָג דיר צו, געליבטע מיינע. זאָג מיר, וואו איז דיין הויז?

שולמית: זאָלסט גיין מיט דעם וועג וואָס פירט אין שטאָט אריין. ווען דו וועסט צוקומען צום קדרון־בריק, וועסטו גלייך לעבן קוואַל אונדזער הויז דערזען. קיין אַנדערע הייזער זיינען דאָרטן נישטאָ.

שלמה: און וואו איז דיין פענצטער, שולמית?

שולמית: צוליב וואָס דאַרפסטו דאָס וויסן? (ער קוקט שטאַר אויף איר) קוק ניט אַזוי אויף מיר, דיין בליק פאַר'בישופט מיך. (ער קושט זי) קוש מיך ניט, איך בעט דיך... (ער קושט ווידער, זי טוליעט זיך צו אים, צערטלט זיינע האָר, פרייד־טרערן רינען פון אירע אויגן.)

שלמה: זאָג, וואו איז דיין פענצטער, מיין איין און איינציקע...

שולמית: מיין פענצטער איז אין דרום זייט. ניין, איך דאַרף עס דיר ניט זאָגן, לאָז מיך בעסער גיין אַ היים.

שלמה: און דיין פענצטער עפנט זיך אויף אינווייניק?

ש ו ל מ י ת: נייז, עס איז א פאַרשלאָגן פענצטער. נאָר ביי דער זייט איז א ווינקל־טיר פאַראַן, און דורך דער טיר גייט מען גלייך צו מיר אין צימער וואו איך שלאָף צוזאַמען מיט מיין קליינע שוועס־טער. נאָר דו האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט...

ש ל מ ה: (צערטלט אירע האָר און באַקן) היינט האַלבע נאַכט וועל איך קומען צו דיר. אזוי מוז עס זיין, איך פאַרלאַנג עס פון דיר...

ש ו ל מ י ת: (קושט אים אויפן שטערן) ליבסטער מיינער...

ש ל מ ה: און איצט צעשייד איך זיך מיט דיר. איך הער, מען זוכט מיך אַרום (קושט).

ש ו ל מ י ת: גיי בשלום, געליבטער מיינער. נאָר איידער דו גייסט אַוועק, זאָג מיר דיין נאָמען, איך ווייס אים ניט...

ש ל מ ה: (קלערט און זאָגט מיט א שמייכל) מיין נאָמען איז דער זעלבער ווי פון אונזער קעניג. שלמה — איז מיין נאָמען. בלייב אין פרידן, געליבטע מיינע. (קושט זי אויפן שטערן, לאָזט זי אַראָפּ פון צאַם.)

ש ו ל מ י ת: (מורמלט) גיי בשלום, גיי בשלום... (זי בלייבט שטיין פאַרטראַכט, קוקט זיך אַרום דערשראָקן, קלעטערט צוריק אַרויף אויפן וואַנט, קוקט אַריבער, קריכט לאַנגזאַם אַראָפּ, זעצט זיך אַוועק, טרערן רינען פון אירע אויגן. זי זינגט שטיל. נאַכט פאַרהילט דעם גאָרטן. לבנה באַ־ווייזט זיך.)

דערוועק דיך — צפון־ווינט,
און קום דו דרום־ווינט,
בלאָז אויף מיין גאָרטן,
זיינע בשמים זאָלן פליסן.
זאָל קומען מיין געליבטער אין זיין גאָרטן,
און זיין טייערע פרוכט געניסן...

(עס הערן זיך טריט, עוזיאל — שולמית'ס ברודער קומט אָן. זי ווישט אויף שנעל אויס די אויגן, שווייגט.)

ע ו ז י א ל: שולמית, מיין שוועסטער. איך האָב דיר דיין נאַכט־עסן געבראַכט. די מאַמע האָט פאַר דיר א פרישן קעז־קוכן געשיקט, און אויך א קריגעלע ציגן־מילך. (וואַרפט אַרונטער פון אַקסל א פעקל) פון די שעפּסן־פעל, זאָלסטו דיין געלעגער מאַכן, און מיט דעם צודעק זאָלסטו זיך באַשיצן פון דעם שווערן טוי און באַרגיקער נאַכט־קילקייט.

ש ו ל מ י ת: (שטעלט זיך אויף, נעמט דאָס עסן, שטעלט עס אַוועק אן א זייט) עוזיאל, מיין ברודער. איך בין מיד און קראַנק. דעם גאַנצן טאָג האָט די זון מיין לייב געברענט, ווילסטו נאָך איך זאָל דורך דער

נאַכט דעם גאָרטן היטן? פֿאַרוואָס קומט ניט אונדזער ברודער צפֿניה? ער איז דאָך אַ גאַנצן טאָג אין דעם היים געווען! די פֿוקסן וועלן די רייפֿע ווייַנטרויבן אַרומעסן, און איך וועל אַפֿילו ניט אומשטאַנד זיין זיי אָפּצוטרייבן. איך מוז גיין אַ היים, איך בין קראַנק.

ע ו ז י א ל : צפֿניה, וועט האַלטן וואַך הייַנטיקע נאַכט אין מאַנדל־גאָרטן אויף מיין אָרט, ווייל הייַנט איז מיין ריי צו זיין אין דער שטאָט־וואַך. וואָס־זשע, האָסטו פֿאַרגעסן, אַז הייַנט איז ראש־חודש?

ש ו ל מ י ת : פֿאַרוואָס האָסטו אונדזער שוועסטער צפּירה'ן ניט געבראַכט אַהער? אַליין האָב איך מורא דאָ צו זיין. איך בין נאָך קיינמאָל קיין נאַכטוועכטערין ניט געוועזן.

ע ו ז י א ל : וואָס קען אַ ניין יאָריק קינד דיר העלפֿן? איך וועל בעסער בעטן דיינע חבר'טעס, גייענדיק אויפֿן וועג אין שטאָט אַריין. אימעץ פֿון זיי וועט זיכער קומען. זיי וועלן מיט דיר געַרן האַלטן וואַך די נאַכט. איך וועל אויך מיין פּנינה'ן בעטן. נעם שוועסטער לעגן אונטער דיין האַרץ, די מילך איז נאָך וואַרעם, וועסטו זיך אַ ביסל דערפֿרישן.
(ער גייט צו צום רעכטן ווינקל פֿון צאַם, נעמט אַרויס אַ שטעקן און גיט אים איר) מיט דעם שטעקן, שוועסטער, זאָלסטו אין שטיינערנעם צאַם קלאַפּן ווען דו וועסט הערן די גנבים־פּיקסלעך גריזשען די ווייַנטרויבן. גוטע נאַכט, שוועסטער. שפּרייט אויס די ציגן־פֿעל, וויקל זיך איין אין צודעק, און האַלט וואַך ביז אימעץ פֿון דיינע חבר'טעס וועט קומען.
(אָפּ לינקס. שולמית נעמט דעם שטעקן, גייט אַרום פֿאַרטראַכט, בלייבט שטיין, וויינט און זינגט:)

זאָג מיר דו וועמען מיין זעל האָט ליב,
וואו פּיטערסטו, וואו מאַכסטו הויערן —
אין מיטן העלן טאָג?
צי מיך נאָך דיר, לאָמיר לויפֿן! —
קושן זאָלסטו מיך מיט די קושן פֿון דיין מויל,
ווארום בעסער ווי ווייַן איז דיין ליבשאַפֿט,
דארום האָבן פֿרויען דיך ליב,
אמת ליב האָט מען דיך.
שוואַרץ בין איך, אָבער שיין,
ניט קוק מיך אָן וואָס איך בין שוואַרצלעך,
ווארום די זון האָט מיך אָפּגעברענט.
אַ הענגל ציפּערבלומען אין עין־גדי'ס ווייַנגערטנער,
איז מיין געליבטער מיר.

(פֿון ווייטן הערט מען געזאַנג, שולמית ווערט שטיל. פּויזע. זי הערט זיך איין, שוידערט אַלע מאָל אויף. מיידלעך קומען נעענטער, זינגען:)

ווער איז די וואָס גייט אויף פונם מדבר,
זיך טוליענדיק צו איר געליבטן?
אונטערן עפּלבוים האָט מען איר אויפגעוועקט,
דאָרט האָט איר מוטער געוויייטיקט מיט איר,
דאָרט האָט געוויייטיקט די וואָס האָט איר געבאָרן.
טו מיך אַרויף ווי אַ זיגל אויף דיין האַרצן,
ווי אַ זיגל אויף דיין אָרעם,
וואָרום שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבשאַפט,
אירע פלאַמען — זיינען פלאַמען פייער.
גרויסע וואַסערן קענען ניט פאַרלעשן די ליבשאַפט,
און טייכן וועלן זי ניט פאַרפלייצן.
האַרט ווי דער קבר — די אייפערזוכט
וואָרום שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבשאַפט...

(מיידלעך קומען פון הינטערן צאָם מיט געלעכטער. פנינה לויפט צו שולמית'ען, וועלכע שטייט אומעטיק פאַרטראַכט.)

פ נ י נ ה: וואָס איז מיט דיר, ליבע שולמית? זאָג, וואָס ביסטו אַזוי אומעטיק? (אַלע מיידלעך רינגלען אַרום שולמית'ען.)

ש ו ל מ י ת: (וויינענדיק) איך באַשווער אייך טעכטער פון ירושלים, אַז איר זאָלט געפינען מיין געליבטן.

פ נ י נ ה: וואָס זאָלן מיר אים זאָגן?

אַ ל ע: יאָ, וואָס זאָלן מיר אים זאָגן?...

ש ו ל מ י ת: וואָס איר זאָלט אים זאָגן... (קלערט) אַז קראַנק פון ליבשאַפט בין איך.

ע ר ש ט ע: וואָס איז דיין געליבטער פאַר אַ געליבטער, וואָס דו האָסט אונדז אַזוי באַשוואָרן?

ש ו ל מ י ת: מיין געליבטער איז קלאָר און געררויטלט זיין קאָפּ איז פון גינגאָלד. זיינע לאָקן געקרייזלט, און שוואַרץ ווי דער ראָב.

צ ו ו י י ט ע: אַזאַ שיינער איז ער? נו, און זיינע אויגן?

ש ו ל מ י ת: זיינע אויגן ווי טויבן ביי בעכן־וואַסער, געבאָדן אין מילך.

ד ר י ט ע: און זיינע באַקן?

ש ו ל מ י ת: זיינע באַקן זיינען ווי אַ בייט בשמים, און ווי טורעמלעך געווירצן.

פ ע ר ט ע: ער מוז זיין אַ שיינער. און זיינע ליפּן?

ש ו ל מ י ת: זיינע ליפּן זיינען ליליען וואָס טריפן פליסיקע מירע.

פ י נ פ ט ע: האָט ער שיינע הענט?

ש ו ל מ י ת: זיינע הענט זיינען גילדערנע וואַלצן מיט גאָלד־שטיינער באַזעצט, און זיין לייב אַ שטיק עלפאַנט־ביין מיט סאַפּירן באַדעקט. זיינע שענקלען — מירמל־זיילן געגרונטפעסט אויף שוועלן פון גינגאָלד. זיין אָנבליק — ווי דער לבנון, אויסדערוויילט ווי די צעדערן. **זיין גומען — איז זיסקייט, און ער איז אינגאַנצן אַ גלוסטיקייט.** דאָס איז מיין געליבטער, און דאָס איז מיין חבר, טעכטער פון ירושלים.

פ נ י נ ה: וואוהין איז ער געגאַנגען, און וואוהין האָט ער זיך געקערט, דיין געליבטער, אַז מיר זאָלן אים זוכן?

(שלמה׳ס קאָפּ באַווייזט זיך הינטערן צאַם, זיי באַמערקן אים ניט.)

ש ו ל מ י ת: מיין געליבטער האָט געניזערט צו זיין גאָרטן — צו די בייטן פון בשמים, ליליען אויפצוקלייבן איז ער געגאַנגען.

ש ל מ ה: קער זיך אום, קער זיך אום, שולמית מיינע, איך זאָל דיך אָנקוקן. (אַלע קוויטשען פאַר שרעק, שלמה קומט אַריין, אויף די אַקסל אַ דיקער פּורפּור מאַנטל, קוקט אויף אַלעמען) שיין זענט איר טעכטער פון ירושלים, אָבער נאָך שענער איז מיין געליבטע. (אַלע קוקן אויף אים פאַרוואונדערט, ער גייט איבער צו שולמית׳ען, נעמט זי צאַרט אַרום, שפּרייט אויס זיין פּורפּור מאַנטל, זעצט אַוועק שולמית׳ן וועלכע שוידערט פון אויפרעגונג) זעצט אייך, שיינע טעכטער, איך זע דאָ ליגן ציגנפעל. (מיידלעך כאַפּן ציגנפעל און טוך, שפּרייטן אויס, זעצן זיך אין צוויי האַלב רונדע שורות, שלמה זעצט זיך לעבן שולמית׳ן. מיידלעך קוקן צעשראָקענע.)

פ נ י נ ה: (אומדרייסט) ווער ביסטו, שיינער בחור? מיר האָבן דיך קיינמאָל אין אונדזער אַרומגעגנט ניט געזען...

ש ל מ ה: פרעגט שולמית׳ן, זי ווייסט ווער איך בין.

ש ו ל מ י ת: (פאַרשעמט) ער איז דער עלצטער קוכער ביים קעניג שלמה. זיין נאָמען איז אויך שלמה.

פ נ י נ ה: שלמה, רופט מען דיך טאַקע, אָבער דו ביסט ניט דער עלצטער קוכער, ווייל דעם עלצטן קוכער קאָן איך. ער איז ניט אַזוי שיין ווי דו ביסט. דעם עלצטן קוכער רופט מען גאָר — זבדיה.

ש ל מ ה: איך קען וועטן אויף וואָס דו ווילסט, אַז איך קום פון קעניגליכן פּאַלאַץ.

פ נ י נ ה: מיט וואָס קאָנסטו דאָס באַווייזן?

אלע: יאָ, מיט וואָס?...
(שולמית קוקט אויף אים דערשראָקן.)

שלמה: באַטראַכט די הוקן פון מיין קלייד, וועט איר זען, אַז זיי זיינען פון גרינעם אופר־גאָלד. (אַלע באַטראַכטן די הוקן.)

ערשטע: ביסטו איינער פון קעניג׳ס לייב־וואַך?

שלמה: יאָ, איך שטיי זייער נאָענט צום קעניג. (שמייכלט)

צווייטע: מאַכסט חוזק פון אונדז. (דערזעט אויף זיין האַלדז אַ מעדאַליאָן) וואָס פאַר אַ קאַמיע טראָגסטו אויף דיין האַלדז?

שלמה: קענסטו לייענען?

צווייטע: ניין, איך קען ניט. פנינה מוז קענען. איר פאָטער איז דאָך אַ צינזנזאַמלער.

שלמה: פנינה! קענסטו איבערלייענען וואָס אויף דער קאַמיע איז אָנגעשריבן?

פנינה: איך וועל פּרוּוון. (לייענט) „שלמה בן דוד מלך ישראל.“

אלע: וואָס מיינט עס?

פנינה: שלמה, דער זון פון דוד — דער מלך פון די אידן.

אלע: (שפּרינגען אויף דערשראָקענע) דו ביסט דער מלך שלמה?!
(שולמית שווידערט.)

שלמה: (שטעלט זיך אויף, קוקט אויף אַלעמען און שמייכלט) וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן? איצט בין איך נישט קיין מלך, איך טראָג ניט קיין קרוין אויפן קאָפּ. איצט בין איך ניט מער ווי איינער פון ירושלים׳ס זין, וועלכער זוכט זיין געליבטע צווישן ירושלים׳ס טעכטער. און געפינען האָב איך זי טאַקע דאָ אין וויינגאָרטן. שולמית, איז איר נאָמען. (אַלע איבעראַשט, שולמית שווידערט, טרערן רינען פון איר'ע אויגן) וואָס שווידערסטו, געליבטע מיינע? האָסט מורא ליב צו האָבן דעם קעניג?

שולמית: הלוואַי ביסטו ווי אַ ברודער מיינער וואָס האָט די מילך פון מיין מוטער געזויגן, און איך וואָלט דיך אין גאַס געטראָפן, וואָלט איך דיך געקושט, און קיינער וואָלט מיך ניט פאַראַכט. איך וואָלט דיך געפירט און געבראַכט אין הויז פון מיין מוטער און איך וואָלט דיר געגעבן טרינקען וויין געקאָכטן פון מילגרוים־זאַפט.

ש ל מ ה: (נעמט זי אַרום, קושט זי אין שטערן) קום געליבטע מיינע, פיר מיך אין דיין מוטערס הויז און גיב מיר טרינקען דיין מילגרוים־זאַפט נאָך וועלכן מיין גומען לעכצט צוזאַמען מיט מיין ליבע צו דיר. אויך איר שיינע טעכטער פון ירושלים, קומט מיט אונדז. זינגט, און זאָלן די שיינע טענער פון אייער געזאַנג זיך פאַראייניקן מיט דער מאָרגן־שירה פון אַלע פייגלען צו דעם וועלט באַשאַפער. זינגט!

(אַלע לאָזן זיך גיין. זונאויפגאַנג, אַלע זינגען:)

שיר השירים — דאָס געזאַנג פון געזאַנגען, וואָס פון שלמהן.
קושן זאָל ער מיך מיט די קושן פון זיין מויל,
ווארום בעסער פון ווייַן איז דיין ליבשאַפט.

(פאָרהאַנג.)

צווייטער אַקט — (ערשט בילד)

(אַ טעמפּל פון דער געטין „איזיס.“ אַן אַלטער פּריסטער געקליידט אין ווייסן שטייט בײַם אַלטאַר און פּאַרגייט זיך אין אַ שטיל געבעט. מענער און פרויען שטייען מיט געבויגענע קעפּ. דער טעמפּל איז פול מיט ווייַרוך־וואָלקנס, וועלכע ציען זיך פון קופּערנע פּאַנען, וואָס שטייען אויף פייער־טעפּ. אויפן אַלטאַר שטייט אַ קאַסטן, אין וועלכן עס געפינט זיך די געטין „איזיס.“ אין טעמפּל איז האַלב פינצטער, בלויז צוויי שטורקאַטשן ברענען אין ביידע ווינקלען. אַ מיידל־כאָר זינגט:)

מעכטיקער אזירים, זון פון דער זון,
האַר פון געוויקס, הערשער פון טאָג.
איזיס — די געטין, דיין שוועסטער און ווייב
באַוויינט דיין פאַרשווינדן מיט יאָמער און קלאָג.

אַ מידע זי וואַנדערט ביי ברעגן פון נילוס,
זי זוכט דיין געביין, זי וויינט און זי בעט:
„קערט אום קראָקאָדילן, מיין מאַן און מיין ברודער,
אים אין נילוס געוואָרפן, האָט דער בייזער גאָט סעט.

(כאָר פאַרענדיקט, פּריסטער הייבט אויף זיינע הענט צום בענטשן. אַלע קניען, באַרירן מיט די קעפּ די ערד.)

פּ ר י ס ט ע ר: זין מיינע, און טעכטער מיינע, פרידן צו אייך! לויבט און באַזינגט אונדזער געטין איזיס. שטאַרקט זיך און קרעפטיקט זיך אין אייערע גוטע טאַטן, וועט איר דערפאַר געבענטשט זיין פון אונדזער געטין אויף אַלע צייטן און אויף אַלע אייביקייטן. (אַלע זינגען ווידער די ערשטע סטראָפע „מעכטיקער אזירים.“ פון לינקס קומט אַריין קעניגין אסטיס. אַכט מיידלעך, פיר אין אַ שורה מיט פעכערס אין די הענט באַגלייטן איר. אַלע אין טעמפּל דרייען זיך אום צו איר מיט די פּנים'ער. געזאַנג ווערט שטאַרקער. קעניגין שפּאַרט אַן איר קאָפּ אויפן אַלטאַר, פּריסטער לייגט זיינע הענט אויף איר קאָפּ.)

פּ ר י ס ט ע ר: מעכטיקער אזירים, זון פון זון, גאָט פון אטומו, נאַפער — אַנופרו, דער גאָט פון אָון. קער זיך אום צוריק אין דיין געצעלט. איזיס וואָס איז דיין ווייב און שוועסטער באַשווערט דיך, זאָלסט אונדז ווידער באַווייזן דיין געשטאַלט. מיטן פיין פון טויט זוכן מיר דיין וואונדערשיינעם קערפּער. קער זיך אום אזירים צוריק אין דיין געצעלט!

כ אַ ר: האַלו, האַלו!

פּ ר י ס ט ע ר: געלויבט זאָל זיין די שטאָט אַכידאַס וואָס האָט דיין פּרעכטיקן קאָפּ איינגעהיט.

כ אַ ר: האַלו, האַלו!

פּ ר י ס ט ע ר: געלויבט זאָל זיין די שטאָט מעמפיס וואו מען האָט געפונען דיין רעכטע האַנט גרויסער גאָט, די האַנט פון מלחמה און שוץ.

אַ ל ע: האַלו, האַלו, האַלו!!!

פּ ר י ס ט ע ר: געבענטשט זאָל אויך זיין די שטאָט סאַאיס, וואָס האָט פאַרבאָרגן אין זיך דיין לינקע האַנט, ליכטיקער גאָט, די האַנט פון גערעכטיקייט.

אַ ל ע: האַלו, האַלו!

(קעניגין הייבט אויף איר קאָפּ, ווינקט צום פּריסטער די מענטשן זאָלן אַוועקגיין.)

פּ ר י ס ט ע ר: זייט געבענטשט מיינע זין און טעכטער. זאָל די געטין איזיס בענטשן די פרוכט אין אייערע לייבער. איר זאָלט זיך פרוכטפערן און מערן ווי די פיש אין וואַסער. גייט בשלום, און איר זאָלט ניט געשטרויכלט ווערן פון דעם בייזן גאָט סעט. האַלו, האַלו!

(מענטשן מאַכן אַן הקפה אַרום אַלטאַר און לאָזן זיך אַרויסגיין. פּריסטער ווינקט צו די פעכער־מיידלעך, זיי גייען אויך אַרויס, פּריסטער נאָך זיי. אסטיס גייט אַרום איבערן טעמפּל בייז און אויפגערעגט. עס קומט אַריין אליאב. ער בלייבט שטיין מיט אַ געבויגענעם קאָפּ. זי קוקט אויף אים פאַרשנדיק. פּויזע.)

א ס ט י ס: גענען צו מיר, אליאב. (אליאב מאַכט אַ שפּאַן פאָראויס, פאַלט אויף די קני, קושט דעם זוים פון איר קלייד) שטיי אויף, אליאב, און דערצייל מיר אַלץ וואָס דו ווייסט וועגן קעניג שלמה און זיין פּאַסטוך־מיידל. (ער שטעלט זיך אויף, שטאַמלט:)

א ל י א ב: קעניגין, מיין צונג איז מיר צום גומען צוגעקלעפּט.

א ס ט י ס: דערצייל!

א ל י א ב: דער קעניג האָט נאָך קיינעם אַזוי ניט ליב געהאַט, ווי ער האָט זי ליב. אפילו אויף אַן אויגנבליק צעשיידט ער זיך ניט מיט איר. זיינע אויגן שיינען פון גליק. יעדן גיט ער מתנות, און צו אַלעמען איז ער פול מיט גענאַד. ער, דער גרויסער קעניג און חכם ליגט ווי אַ שקלאַף לעבן אירע פיס און נעמט פון איר די אויגן ניט אַראָפּ...

א ס ט י ס: (מיט געבייזער) דערציייל, דערציייל נאָך!

א ל י א ב: פייניקסט מיך! קעניגין...

א ס ט י ס: דערציייל נאָך, זאָג איך!!

א ל י א ב: און זי... זי איז אינגאַנצן — ליבע, צערטלעכקייט און מילדקייט. אַ שטילע און אַ שעמעוודיקע איז זי. אויסער איר ליבע ווייסט זי פון גאָרניט. זי דערוועקט אין קיינעם ניט קיין כעס, קיין שנאה און קנאה.

א ס ט י ס: (שרייט מיט רציחה) גענוג, מער דערציייל ניט! איך קען ניט הערן מער. מיך, אַסטיס, די טאָכטער פון שישק דעם עגיפּטישן קעניגס בת־יחידה, האָט ער פאַרביטן אויף דער ווילדער פּאַסטוך־מיידל! מיך, ביי וועלכער דאָס לייב איז פון געבאָרן אָן געזאַלבט געוואָרן מיט די בעסטע באַלזאַם־הײלן אין דער וועלט, האָט ער פאַרביטן אויף דעם לייב פון אַ פּאַסטוך־מיידל וואָס איז שוואַרץ, און פון דער זון פאַר־טריקנט. שוין באַלד אַ וואָך, אַז ער האָט מיך פאַרלאָזן, און קיין איין מאָל ניט געקומען זען ווי איך ווער פאַרצערט און פאַרברענט פון ליבע און תאווה צו אים. שוין דריי מאָל, אַז איך, די פּרינצעסין פון מצרים האָב זיך דערנידעריקט, און אים איינגעלאַדן צו זיך, און ער האָט מיין איינלאַדונג צוריקגעוויזן, אַלץ צוליב דער ווילדער פּאַסטוך־מיידל! (זי כאַפּט ארום אליאבן, דריקט אים צו זיך) אליאב, ווילסטו, אַז איך זאָל דיך מאַכן פאַר דעם קעניג איבער די בני־ישראל? ווילסטו זיין דער הערשער איבער פיניקיע און בבל? ענטפער! (ער שווייגט) ווילסטו מיך — פאַר קעניגין און ווייב האָבן?! זאָג!!!

א ל י א ב: (ציטערט) יאָ, קעניגין...

אַ ס ט י ס: דו וועסט זיין מיין איינציקער געוועלטיקער און הערשער. (קושט אים) מיינע טעג און נעכט וועלן צו דיר געהערן. דו ביסט דאָך דער עלצטער פון שלמה'ס לייב־וואַך, קיינער וועט דיר ניט שטערן צו צוקומען צו שלמה'ס שלאָפצימער. היינט באַנאַכט, זאָלסטו דאָס פּאַסטוך־מיידל — טויטן. קלייב אויס די שאַרפסטע שווערד, און דעם שפּיץ זאָלסטו מיט גיפט באַשמירן. ניט פאַר דער פּאַסטוך־מיידל, האָב איך שלמה'ס בעט פון גאָלד און עלפאַנט־ביין געמאַכט. ניט פאַר איר האָב איך דאָס בעט מיט אַ בלויער חופּה באַצויגן, און מיט די גרעסטע און געשליפנסטע דימענטן — באַזעצט. ניין, ניט פאַר איר!ביידן — דער'הרגע! דורך דעם מיטלסטן בלויען פאַרהאַנג זאָלסטו דעם שווערד אַריינשטעכן, וועסטו זיי ביידן דער'הרג'ענען. דו הערסט? ביידן זאָלסטו טויטן!!!

א ל י א ב : איך... (זי ציט אים צו צו זיך, בויסט זיך איין אין זיינע ליפּן, זי גיט אים אַ שטופּ פון זיך.)

א ס ט י ס : גיי!

א ל י א ב : (ווי שיכור) איך גיי... (אַפּ לינקס. אסטיס בלייבט שטיין, רייסט ווילד פון האַלדז די פּערל און אַנדער צירונג וואַרפט אויף דער ערד מיט פאַראַכטונג. זי פאַלט אַריין אין היסטעריש געלעכטער. פון ווייטן הערט זיך אַ קאַנג־געקלאַנג.)

(פאַרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם)

צווייטער אַקט — (צווייט בילד)

(שלמה'ס שלאָפצימער, די לבנה שיינט אַריין דורך די שמאָלע פענצטער־קראַטעס. רעכטס אין הינטערגרונט אַ ברייט בעט נידעריק ביי דער ערד. אויף די ווינקלען פון בעט פיר באַגילדעטע שטאַנגען, וועלכע זיינען באַצויגן מיט אַ באַלדאַכין (חופּה) פון ליכטיק בלויען זייד באַזעצט מיט דימענטן און אַנדערע איידלשטיינער. דאָס בעט איז באַדעקט מיט טייערע פעל און טע־פּיכער. לינקס אין הינטערגרונט שטייען צוויי באַגילדעטע שטולן אויף אַ דריי טרעפּלדיקער פּלאַטפאָרמע. אויף ביידע זייטן שטייען אויף הויכע געשטעלן צוויי פּייערפאַנען פון וועלכע עס ציט זיך אַ בשמים־רויך. לעבן בעט אויף אַ טישל, שטייט אַ גאָלדענער קרוג מיט וויין, און צוויי גאָלדענע בעכערס. צוואַנציק מיידלעך שטייען אין אַ דרייעק פאָרמע לעבן די שטולן, אויף וועלכע עס זיצן שלמה און שולמית. שלמה איז אָנגעטאָן אין אַ ווייס קלייד מיט ברייטע אַרבל. די זוימען פון קלייד און אַרבל זיינען באַנייט מיט גאָלד. אַרום זיינע לענדן אַ ברייטער תכלת־גאַרטל, איבערן קאָפּ אַ תכילת־שלייער און אַ קליינע קרוין. שולמית טראָגט אַ גאָלד־זיידענעם טוניק וואָס איז ענג־געפּאַסט ביז די היפטן, פון די היפטן — ברייטער און ברייטער. אויפן קאָפּ אַ ברייטע דיאַדעם פון גאָלד באַזעצט מיט טייערע שטיינער. כאָר זינגט:)

וואַך אויף געליבטע, מיין שיינע,
צום ווינטער איז שוין אַן עק.
עס קומט דיין געליבטער צו דיר!
דער רעגן איז פאַרגאַנגען, אַוועק!

שוין האָבן זיך בלומען באַוויזן,
די צייט פון געזאַנג איז געקומען.

איבערן לאַנד לאָזט זיך שוין הערן —
פון טורטל־טויב צאַרטע, דאָס ברומען.

מיט פרי־פייגן צייטיקט דער פייג־בוים,
מיט בליאונג דער וויינשטאָק אויך שמעקט.
וואָד אויף מיין געליבטע, מיין שיינע,
דיין געליבטער זיין האַנט צו דיר — שטרעקט.

ש ל מ ה : הערסט, שולמית? זיי זינגען דאָס שיר־השירים־ליד
אין וועלכן איך האָב מיין ליבע צו דיר אויסגעזונגען. געפעלט עס דיר?

ש ו ל מ י ת : יאָ, קעניג מיינער. אויף מיין געלעגער ביינאַכט
האָב איך אָפטמאָל געזוכט דעם וואָס מיין נשמה האָט ליב, איך האָב
אים געזוכט און ניט געקענט געפינען. איינציקע מאָל, האָט זיך מיר
געוואָלט אויפשטיין און אַרומגיין איבער די מערק און גאַסן פון שטאָט
און זוכן דעם וואָס מיין זעל האָט ליב.

ש ל מ ה : (שמייכלט) און האָסט אים ניט געפונען?

ש ו ל מ י ת : (שעמעוודיק) יאָ געפונען.

ש ל מ ה : שיינע יהודה־טעכטער, טאַנצט אַ שיינעם טאַנץ לכבוד
שולמיתן וואָס זי האָט איר געליבטן געפונען. (טאַנצן אַ אַריענט־טאַנץ.
צום שלום טאַנצן זיי אַרויס.)

ש ל מ ה : איצט, געליבטע מיינע, קום מיט מיר, וועל איך דיר
געבן חתונה־מתנות... היינט איז דער שלום פון אונדזער חתונה־
וואָד. (נעמט זי פאַרן האַנט פירט זי צו צום בעט זעצט זי אַנידער. גייט
אַפּ רעכטס, קומט צוריק מיט אַ צירונג־קעסטעלע. ער זעצט זיך לעבן איר,
נעמט אַרויס שנירלעך פּערל און הענגט זיי אויף איר האַלדז) געליבטע
מיינע, דאָס זיינען די טייערסטע פּערל וואָס מיינע טויכערס האָבן גע־
פונען אין דעם ים פון פּרס. ווען זיי וועלן דערפילן דאָס וואַרעמקייט
פון דיין לייב, וועט זייער גלאַנץ ווערן פרישער און צאַרטער. זיי פּאַסן
זייער אויף דיין ברוין־אָפּגעברענטן האַלדז, קעניגן מיינע. (קושט איר
אויפן שטערן, זי ווערט אומעטיק.)

ש ו ל מ י ת : אויסדערוויילטער מיינער, זאָג מיר, קענען זיך
געליבטע זעען אויך נאָכדעם ווען זיי שטאַרבן?... (שלמה שווייגט,
קוקט אויף איר מיט אַ דורכדרינגלעכן בליק. כאַפּט קרוג מיט וויין, גיסט
אָן אין ביידע בעכערס, דערלאַנגט איר איינעם.)

ש ל מ ה : צו וואָס האָסטו זיך גאָר אין טויט דערמאַנט? טרינק
אַ ביסל וויין, און פאַרגעס אַן טויט. דו ביסט דאָך נאָך אַזוי יונג,
טרינק! (זיי טרינקען.)

ש ו ל מ י ת: דערציייל מיר עפּעס פון לעבן און טויט, איך ווייס אפילו ניט וואָס דאָס איז. (זי שפּאַרט אַן איר קאָפּ אויף זיין אַקסל) דערציייל מיר ליבער.

ש ל מ ה: (שטעלט אַוועק די בעכערס, נעמט זי אַרום) קורץ איז דאָס לעבן פון מענטשן, אומענדלעך איז נאָר די צייט. דער מענטש שטאַרבט אָפּ, און מיט זיין צעפוילטן קערפּער מאַכט ער פויל די ערד. די ערד מאַכט וואַקסן זאַנגען מיט קערנער פון וועלכע דער מענטש מאַכט ברויט, און דערמיט שפּייזט ער זיין קערפּער. מיליאָנען יאָרן, און טויזנטער דורות גייען פאַרביי, און אַלץ אין דער וועלט ווידערהאַלט זיך. די מענטשן, די חיות, אַלץ ווידערהאַלט זיך. מיר וועלן זיך טייערע, באַגעגענען. מיר וועלן אָבער איינער דעם צווייטן ניט דערקענען. מיר וועלן זיך בלויז דערפילן. ווייל דורך פרייד און לייד וועלן אונדזערע הערצער שטרעבן איינער צום אַנדערן, דערפאַר ווייל מיר האָבן זיך שוין אַמאָל באַגעגנט, נאָר מיר געדענקען עס ניט.

ש ו ל מ י ת: ניין, קעניג, ניין! איך געדענק ווען דו ביסט אַמאָל געשטאַנען הינטער מיין פענצטער און האָסט מיך גערופן: „קום אַרויס צו מיר געליבטע מיינע, ווייל מיינע האָר זיינען שוין מיט נאַכט־טוי אָנגעפילט.” פרייד און שרעק האָט יעמאָלט מיין האַרץ אַרומגענומען. זאָג מיר קעניג, אויב איך וועל מאָרגן שטאַרבן, וועסטו זיך דערמאָנען אין דיין שוואַרצער פאַסטוך־מיידל?...

ש ל מ ה: (דריקט זי צו זיך) דו זאָלסט קיינמאָל מער ניט ריידן אַזעלכע רייד. דו מיין שולמית ביסט די אויסדערוויילטע פון גאָט צו זיין מיין קעניגן. ווייל דו ביסט די קעניגן פון מיין נשמה. קיינמאָל, וועט זיך דער טויט צו דיר זיך ניט צורירן. (עס הערט זיך אַ ווייטער קאָנגעקלאַנג) עס איז שוין האַלבע נאַכט, די שטאָט־וועכטער בייטן זיך. (שולמית שוידערט.)

ש ו ל מ י ת: עפּעס אַ פינצטערע שרעק האָט אין מיין נשמה אַריינגעדרונגען. טויט־אַנגסטן זיינען מיך באַפאַלן. דריק מיך צו שטאַרקער צו זיך. באַשיץ מיך אויסדערוויילטער מיינער.

ש ל מ ה: (דריקט זי צו זיך, קושט איר אין שטערן) פאָרכט זיך ניט פאַרן טויט, טייערע, ווארום דיין ליבע איז שטאַרקער פון טויט. פאַרטרייב פון זיך דיינע בייזע געדאַנקען. דו ווילסט, וועל איך דיר דערציילן אַ מעשה׳לע.

ש ו ל מ י ת: דערציייל מיין ליבער, דערציייל.

ש ל מ ה: (נעמט אַרויס אַ רינג פון קעסטעלע און טוט אים אָן אויף איר פינגער) געליבטע מיינע, אָט דעם רינג זעסטו? דאָס איז אַ סמאַראַגד־שטיין, זאָלסטו אים שטענדיק טראָגן אויף דיין פינגער, ווייל ער

ער איז דער באַליבסטער שטיין פון מלך שלמה. ער איז גריז, רייז, און צאַרט ווי דאָס פרילינג גראָז. ווען מען קוקט זיך לאַנג אין אים אַריין ווערט ליכטיק און פריילעך אויף דער נשמה. ווער עס קוקט זיך אין אים איין אין פרימאָרגן, ביי דעם גייט דער טאָג פאַרביי פריילעך און מונטער. ווער עס טראָגט דעם סמאראַגד אויפן פינגער, צו יענעם האָבן קיין שלאַנגען און עקדישן קיין צוטריט ניט. ווען אַ שלאַנג דערזעט דעם סמאַגראַד, הייבן זיינע אויגן אָן גיסן מיט וואַסער אַזוי לאַנג ביז ער ווערט בלינד. ווען אַ מענטש ווערט פאַרגיפטעט פון אַ שלאַנגען־ביס דאַרפמען צעשטויסן אַ שטיקל סמאַראַגד און אים געבן טרינקען דעם סמאַראַגדן־שטויב מיט הייסער קעמל־מילך, וועט ער באַלד דעם סם פון זיך אויסשוויצן און ווערן געזונט. צעשטויסענער סמאַראַגד אויסגעמישט מיט זאַפּראַן העלפט אויך צו די וואָס ליידן אויף הינער־בלינדקייט. טראָג אים מיין קינד שטענדיק אויף דיין פינגער. (קושט איר האַנט.)

ש ו ל מ י ת :   הער, מיין קעניג, איך וויל דיר עפּעס בעטן...

ש ל מ ה :   אַלץ וואָס דו באַגערסט טייערע, בעט ביי מיר, און מיט פרייד וועל איך דיר דאָס געבן. (פון ווייטנס הערט זיך דאָס ליד פון ערשטן אַקט: „לעשן זיך פון זון די שטראַלן.“ פויזע, זיי הערן זיך איין, שולמית לויכט אויף.)

ש ו ל מ י ת :   דו הערסט דאָס ליד? געדענקסטו, ווען איך האָב דאָס ליד געזונגען?

ש ל מ ה :   יאָ, מיין טייערע. ווען איך האָב דיך צום ערשטן מאָל געטראָפן.

ש ו ל מ י ת :   אמת, וויל איך דיך טאַקע בעטן, ווען דער פרימאָרגן וועט קומען, זאָלן מיר צוזאַמען גיין אַהין אין יענעם וויינגאָרטן וואו עס וואַקסן די בוקסן און צעדער־ביימער אַרומגעצאַמט מיט אַ ברייטער שטיינערנער וואַנט, הינטער וועלכער דו האָסט מיין נשמה געפאַנגען. דאָרטן וועל איך דיר ווידער מיין ליבע באַווייזן.

ש ל מ ה :   גוט, מיין קעניגן, אַזוי וועט געשען. (שולמית שפּרינגט אויף אַ דערשראָקענע, בלייבט שטיין אויפן געלעגער, הערט זיך איין) וואָס איז געשען מיט דיר מיין קינד, וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן?

ש ו ל מ י ת :   איך הער מענטשלעכע טריט... (זי טוליעט זיך צום ווינקל פון וואַנט און ציטערט פון שרעק.)

ש ל מ ה :   (שטייט אויף, לאָזט זיך רעכטס, שולמית גיט אַ שרעקלעכן קוויטש, און פאַלט אויפן בעט. מען זעט ווי מען ציט אַרויס פון פאַרהאַנג אַ שאַרף פון אַ שווערד. שלמה קומט צוריק מיט אליאבן, וועלכער האַלט נאָך אין האַנט דעם פאַרבלוטיקטן שווערד. אליאב מיט אַ געבויגענעם קאָפּ) ווער האָט דיך געצוואונגען דאָס צו טאָן, זאָג!

א ל י א ב: (ציטערט) די קעניגן אַסטים. (שלמה קלינגט אין קאַנג, וואַך קומט, רינגלט אַרום אליאבן, נעמט צו ביי אים דעם שווערד.)

ש ל מ ה: האַלט אים אונטער וואַך! (לויפט צום בעט, נעמט שולמיתן אויפן שוים, עס זעט זיך אַ בלוט־פלעק אויף איר רוקן. מען צינדט אָן פייער־פאַנען, אַלע אין אַ פאַרגליווערטן שרעק) שנעל, ברענגט דעם עלצטן רופא!! (איינער לויפט שנעל אָפּ לינקס, די איבריקע פירן אָפּ אליאבן לינקס) געליבטע מיינע, עפן אויף דיינע אויגן, באַלד וועט דער רופא קומען, ער וועט דיר אַ רפואה ברענגען...

ש ו ל מ י ת: (עפנט האַלב אירע אויגן, קרעכצט) איך וויל טרינקען... (דינער גיסט אָן ווייַן, שלמה טראָגט צו בעכער צו אירע ליפּן, זי טרינקט אַ ביסל, רעדט מיט גרויס אָנשטרענגונג) איך דאַנק דיר קעניג פאַר דער גרויסער ליבע צו מיר... דו ביסט געווען מיין אויסדער־ווײַלטער, לאָז מיך מיט מיין ליבע אויף מיינע און דיינע ליפּן שטאַרבן.
(קושט אים און גוסס'ט, רופא, כוהן־גדול, כוהנים און לויים קומען.)

ש ל מ ה: רופא, שנעלער — זי שטאַרבט! (רופא ציט אַרויף אירע אויגן־דעקלעך, קוקט און שאָקלט מיטן קאָפּ.)

ר ו פ א: (מיט באַדויערונג) גרויסער קעניג, עס איז צו שפּעט פאַר וועלכער עס איז הילף. איר טויט איז געווען אַ טאָפּלטער, דער שווערד האָט איר האַרץ דורכגעשטאָכן, און איר בלוט מיט שלאַנגען־גיפט פאַרסם'ט. (שלמה בייגט זיך איבער איר קערפּער און וויינט.) ברוך דיין האמת!

אַ ל ע: ברוך דיין האמת! (רופא שטעלט זיך אָן אַ זייט.)

(כוהנים און לויים־כאָר זינגט תהילים — קאַפּיטל צ"א.)

דו וואָס זיצט אין פאַרבאָרגעניש פון אויבערשטן,
וואָס אין שאָטן פון אַלמעכטיקן — ווײַלסטו.
ער וועט דיך באַשירמען און באַשיצן,
ער וועט דיך מציל זיין פון פייגל־פאַנגערס נעץ.

וועסט ניט מורא האָבן פאַר שרעק פון דער נאַכט,
פאַר אַ פייל וואָס פליט בייטאָג.
פאַר אַ פעסט וואָס גייט אום אין דער פינצטער,
צו דיר וועט עס ניט גענענען.

ווײַל דו האָסט דעם אויבערשטן פאַר דיין באַשירמער,
וועט דיך דערפאַר ניט טרעפן קיין בייז.
זיינע מלאכים וועלן היטן דיינע וועגן,
מיט לאַנגע יאָרן וועט דער האַר דיך זעטן, אמן!

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם)

דריטער אַקט

(טראָן־זאַל. אין צענטער ביים הינטערגרונט, אויף זעקס טרעפּ שטייט דער טראָן. שלמה איז אָנגעטאָן אין זיין פולן קעניגליכן טראַכט. זיין פּנים — בלאַס. פאַר דעם משך פון אַ חודש, האָט זיך אין דער מיט פון באָרד באַוויזן אַ גרויע פּאַסמע. דאָס זעלבע אויך ביי די שלייפן פון קאָפּ. אַ שטילער אומעט אויף זיין פּנים. אַרום אים זיצן די סנהדרין. הינטער זיי שטייט די לייב־וואַך. כּוהן גדול רעכטס, און עוזיאל לינקס — שטייען גרייט פאַר באַפעל. לוויִם־כאָר אין דער פאַרמע פון אַ דריי־עק זינגט תהילים קאַפּיטל ז׳, פּסוק ט׳. כּוהן אין רעטשיטאַטיוו:)

כּ ו ה ן

גאָט, וואָס משפּטסט די פעלקער, משפּט מיך, גאָט, —
לויט מיין גערעכטיקייט, און לויט מיין ערלעכקייט אין מיר.

כ אָ ר :

זאָל שוין זיך עקן דאָס בייז פון רשעים,
און דו זאָלסט אויפריכטן דעם צדיק.
ווארום דו פּרואווסט די הערצער — גאָט גערעכטער.

מיין באַשיץ איז אויף גאָט,
ער העלפט די רעכטפאַרטיקע הערצער.
גאָט איז אַ גרויסער ריכטער,
און אַ צערנדיקער גאָט אַלע טאָג, סלה!

י ה ו ש פ ט : (שטעלט זיך אויף, האַלט אַ מגילה אין האַנט) איך, יהושפט — דער מזכיר, דערקלער אַז דער בית־דין צדק פון קעניג שלמה, איז גרייט אויפצונעמען די משפּטים. די ערשטע וועט געמשפּט ווערן: אסטיס בת שישק. עוזיאל, פיר זי אריין! (עוזיאל פאַרנייגט זיך, גייט אַפּ רעכטס, קומט מיט צוויי וועכטער, וועלכע פירן אסטיסן. זי איז געקליידעט אין שווארצן מיט אַ שלייער אויף איר פּנים. עוזיאל שטעלט זי אַוועק לינקס, וועכטער פון ביידע זייטן.)

ע ו ז י א ל : אסטיס בת שישק, דעק אָפּ דיין פּנים, און נייג דיין אויער צום שופט צדיק! (זי טוט עס, שלמה שטעלט זיך אויף.)

ש ל מ ה : איידער איך וועל אַרויסגעבן מיין פּסק, וויל איך, איר זאָלט אויסהערן די משלים פון שלמה דעם זון פון דוד, מלך ישראל. נייגט אייער אויער צו מיין פאַרשטאַנדיקייט, כּדי איר זאָלט אָפּהיטן

געשייטקייט. ווארום האַניק־זאַפט טריפן די ליפן פון דער פרעמדער, און גלאַטער פון בוימל איז איר גומען. אָבער איר סוף איז ביטער ווי ווערמוט, און שאַרף ווי אַ צוויי־שניידיקע שווערד. דערווייטערט פון איר אייער וועג, און איר זאָלט ניט גענענען צום איינגאַנג פון איר הויז, כדי פרעמדע זאָלן זיך ניט זעטיקן מיט אייער קראַפט, און אייער מי זאָל ניט אָנקומען אין אַ הויז פון אַ ווילד־פרעמדן· דו, קעניגין, ביסט געווען אַ פרעמד גליד אין דעם לאַנד פון ישראל. דיינע זיטן און מנהגים האָבן דיך צו אַ פאַרברעכן געבראַכט פאַר וועלכן דו פאַרדינסט דעם טויט. איך וועל דיר אָבער צום טויט ניט פאַר׳משפטן. לעב, און שטאַרב ווי אַזוי דו אַליין באַגערסט. נאָר קיינמאָל וועסטו מיין פּנים מער ניט אָנזען. זאָל דיך דיין געוויסן משפטן. עוזיאל, היינט נאָך זאָלסטו אַ קאַראַוואַן צוגרייטן. ביז צום האַפן־ברעג פון יפו זאָלסטו דער קעניגין באַגלייטן, און פון יפו זאָלסטו זי אויף אַ שיף אָפפירן קיין מצרים צו איר פאָטער — דעם קעניג שישק. אויך אירע פריסטער און אָפגעטער זאָלסטו מיטנעמען. ווען דו וועסט זיך צוריקקערן, זאָלסטו דעם איזיס־טעמפל צעשטערן ביז צום פלאַך פון דער ערד. (זי פאַלט אויף די קני, קושט דעם זוים פון שלמה׳ס קלייד, וויינט מיט געיאָמער.) פירט זי אַרויס! (וואַך פירט אַרויס אַסטיסן, שלמה זעצט זיך, ער איז זייער אויפגערעגט.)

י ה ו ש פ ט : פירט אריין, אליאב בן אחילוד! (עוזיאל גייט אָפּ, קומט צוריק מיט אליאבן געפירט פון צוויי וועכטער. אליאב איז שרעקלעך דערשלאָגן. מען שטעלט אים אַוועק לינקס לעבן קעניג. שלמה קוקט אויף אים מיט באַדויערונג, שאָקלט מיטן קאָפּ.)

ש ל מ ה : אַ נידערטרעכטיקער מענטש, אַ מאַן פון אומרעכט איז דער, וואָס גייט אום מיט אַ קרום מויל. וואָס ווינקט מיט זיינע אויגן, וואָס שאַרט מיט זיינע פיס, וואָס טייטלט מיט זיינע פינגער. פאַרקערטקייט איז אין זיין האַרצן, ער טראַכט בייז אין יעטוועדער צייט, און שטענדיק מאַכט ער אַן קריג. דאַרום וועט פלוצלינג קומען זיין אומגליק. ער וועט צעבראָכן ווערן, און קיין היילונג וועט ניט זיין. דורך אַ פאַלשער צונג, ביסטו אליאב געשטרויכלט געוואָרן. דו אליאב, דער שענצטער פון די בחורים אין ירושלים, דער הויפּט פון מיין לייב־וואַך, האָסטו דען ניט געוואוסט, אַז דאָס לעבן און טויט ליגט אין דער צונג? זאָלסטו דאָס איצט וויסן. בניהו, דו וועסט גיין און טויט אליאבן!

ב נ י ה ו : (פאַלט אויף די קני) קעניג, אליאב איז מיינס אַן אייניקל...

ש ל מ ה : בניהו, דו האָסט געהערט וואָס איך האָב געזאָגט!

ב נ י ה ו : קעניג, זיי מיר מוחל, שרעק מיך ניט מיט דיין גרימ־צארן. באפעל, אז אז אנדערער זאל עס מאז, איך בין שוין אלט, מיינע טעג זיינען געציילטע, איך קען ניט נעמען אויף מיין געוויסן אזא פאר־ברעכן.

ש ל מ ה : בניהו, ווען איך האב דיר באפוילן צו טויטן מיין ברודער אדוניהו, האסטו דאן אויך מורא געהאט צו נעמען אויף זיך די זינד?

ב נ י ה ו : קעניג, ווייז מיר ארויס דיין גרויס גענאד.

ש ל מ ה : (מיט כעס) שטיי אויף בניהו, און פאלג אויס מיין באפעל! (בניהו שטייט אויף לאזט זיך גיין, וואך פירט אפ אליאבן נאך אים.)

י ה ו ש פ ט : אחיור, זכריה, און די עדות ראובן און יוסף! (אלע פיר קומען צו און פארנויגן זיך.)

ש ל מ ה : וואס איז דיין אנקלאגע, אחיור? דערצייל.

א ח י ו ר : גרויסער קעניג, ווי דיר איז באוואוסט, איז מיין מלאכה אין שטיינשלייפעריי. האט מען מיך ארויסגערופן קיין פיניקיען אין דער שטאט בל. פאר מיין ארבעט האב איך באקומען א טייערן דימענטשטיין. נאר אזוי ווי איך האב נאך באדארפט בלייבן אין בל א לענגערע צייט, האב איך געבעטן מיין פריינד זכריה וועלכן איך האב דארטן געטראפן, ער זאל דעם דימענטשטיין וואס איז געווען איינ־געפאסט אין א רינג, ער זאל אים איבערגעבן צו מיין ווייב. אין פינף וואכן ארום, ווען איך האב זיך אומגעקערט א היים, און געפרעגט ביי מיין ווייב וועגן דימענטשטיין וואס איך האב איר געשיקט מיט זכריהן, איז זי איבערראשט געווארן פון אזא מין פראגע. זי האט מיט א שבועה פאר עדות באשטעטיקט, אז זי האט אזא שטיין פון זכריהן ניט בא־קומען. בין איך אוועקגעגאנגען צו מיין פריינד זכריהן, און געמאנט ביי אים מיין דימענטשטיין, האט ער אבער געטענהט און געשווארן, אז ווי נאר ער איז געקומען קיין ירושלים, האט ער תיכף דעם שטיין צו מיין ווייב איבערגעבן. ער האט אפילו צוויי עדות געבראכט וואס האבן באשטעטיקט, אז זיי האבן אליין געזען ווי זכריה האט דעם די־מענטשטיין איבערגעגעבן צו מיין ווייב. איצט, קעניג, בין איך געקומען צו דיר בעטן גערעכטיקייט. (פארנויגט זיך.)

ש ל מ ה : (קוקט דורכדרינגלעך אויף זכריהן און עדות) עוזיאל, פיר אפ אלע פיר, און פארשליס זיי אין באזונדערע קאמערן, און גיב צו יעדן פון זיי א שטיקל וואקס, און יעדער איינער זאל אויסקלעפן

ווי אזוי דער רינג האָט אויסגעזען. ווען די רינגען וועלן פּאַרטיק ווערן, זאָלסטו זיי צונעמען, און צוזאַמען מיט זייערע מייסטערס זיי ברענגען אַ הער פאַר מיר. (עוזיאל גייט אַפּ מיט אַלע פיר.)

י ה ו ש פ ט: פירט דערווייל אַריין די דריי ברידער: יוחנן, בנימין און אלישע. (מען פירט אַריין די דריי ברידער, זיי שטעלן זיך פאַרן קעניג און פאַרנייגן זיך.)

ש ל מ ה: ווער איז דער עלצטער פון אייך?

י ו ח נ ן: איך, גרויסער קעניג.

ש ל מ ה: דערציייל וואָס פאַר אַ טענות איר האָט איינער צום צווייטן.

י ו ח נ ן: מיט אַ חודש צוריק, ווען אונדזער פאָטער אביעזר האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, האָט ער אונדז, זיינע דריי זין צוגערופן, און אזוי געזאָגט: „כדי איר זאָלט נאָך מיין טויט זיך ניט קריגן פאַר דער ירושה, וועל איך אַליין פאַרטיילן מיין פאַרמעגן על פי יושר. נאָך מיין טויט, זאָלט איר פאַנאַנדערגראָבן דאָס בערגל וואָס געפינט זיך אין גאָרטן הינטערן הויז. דאָרטן וועט איר געפינען אַ קאַסטן מיט דריי שופלאָדן. זאָלט איר וויסן, אַז דער אויבערשטע שופלאָד באַלאַנגט צום עלטסטן זון, דער מיטלסטער, צום מיטלסטן זון, און דער לעצטער, צום אינגסטן זון." האָבן מיר געטאָן ווי דער פאָטער האָט אָנגעזאָגט. ווען מיר האָבן געעפנט דעם קאַסטן, איז דער אויבערשטער שופלאָד געווען פול מיט גאָלדענע מטבעות, דער מיטלסטער — מיט ביינדלעך פון שאָף און רינדער, און דער דריטער שופלאָד איז געווען אָנגעפילט מיט שפּענער, צווייגלעך און שטרוי. האָט ביי מיינע אינגערע ברידער אויסגעבראָכן אַ שנאה און קנאה צו מיר דעם עלצטן ברודער. האָבן מיר באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו דיר, גרויסער קעניג, און ווי אזוי דו וועסט משפּטן, אזוי וועט זיין.

ש ל מ ה: (מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל) ווייזט אויס, אַז אייער פאָטער איז געווען אַ קלוגער און ערלעכער מענטש. ער האָט זיין פאַרלאַנג אזוי קלאָר אַרויסגעזאָגט, פּונקט ווי ער וואָלט עס פאַר טויזנט עדות פאַרשריבן. האָט איר דען גלייך ניט געקענט פאַרשטיין, אַז דעם עלצטן פון אייך, האָט ער איבערגעלאָזט זיין גאַנץ מזומן געלט, דעם מיטלסטן — די שאָף און רינדער, און דעם אינגסטן — דאָס הויז, דאָס פעלד און דעם גאָרטן? גייט אַ היים, און לעבט אין פרידן צווישן זיך. (אַלע דריי פאַרנייגן זיך.)

ב נ י מ י ן: אַ האַרציקן דאַנק דיר גרויסער קעניג פאַר דיין אַנטשיידונג, און באַשיידונג פון אונדזער פאָטערס צוואה, וועלכע איז

פֿאַר אונדז געווען אַזוי אומפֿאַרשטענדלעך ווי אַ רעטעניש. (אַלע דריי גייען אָפּ רעכטס. פֿון לינקס קומט עוזיאל מיט אחיורן, זכריהן און עדות.)

עוזיאל: גרויסער קעניג, אַט דאָס זיינען די פֿיר וואַקסענע רינגען וואָס יעדער איינער פֿון זיי האָט געמאַכט. (שלמה באַטראַכט זיי און שמייכלט.)

שלמה: איצט, איז שוין קלאָר אפֿילו פֿאַר אַ בלינדן, אַז די עדות זיינען פֿאַלשע. זכריה, זע, איינער פֿון די עדות האָט געמאַכט דעם רינג מיט דעם אויסזען פֿון אַ פֿערדישן קאָפּ. דער צווייטער — מיט אַ שעפּסענעם קאָפּ. בלויז ביי דיר און ביי אַחיורן, איז דאָס אויסזען פֿון רינג דער זעלבער. דאָס באַווייזט, אַז דיינע עדות זיינען פֿאַלשע, און זיי האָבן קיינמאָל אפֿילו דעם רינג ניט געזען. וועט מיין פּסק זיין, פֿאָלגענדער: ערשטנס, זאָלסטו אומקערן צו אחיורן דעם רינג מיט דעם דימענטשטיין. צווייטנס, זאָלסטו באַצאָלן דרייסיק שקלים פּסק-געלט וואָס וועט גיין לטובות אלמנות און יתומים. און די עדות, זאָלן פֿאַר זייער פֿאַלש עדות זאָגן—באַצאָלן צו צוואַנציק שקלים צום כוהן—דעם אויפֿזעער פֿון בית המקדש, ער זאָל פֿאַר זיי מקריב זיין אַ קרבן חטאת. דאָס וועט זיין דער קנס פֿאַר די זינד וואָס איר זיינט באַגאַנגען קעגן גאָט, און מענטש. זייט צופֿרידן וואָס איך האָב אייך געגעבן אַזאַ מילדע שטראָף. (זכריה און עדות פֿאַרנייגן זיך, גייען אָפּ דערשלאָגענע. עס הערט זיך אַ געטומל, מען הערט אַ קול פֿון אַ פֿרוי וואָס שרייט: „איך מוז זען דעם מלך שלמה, שוין, איך קען ניט וואַרטן אויף מאָרגן." אַלע הערן זיך איין.)

שלמה: זאָל די פֿרוי אַריינקומען. (עס קומט אַריין אַן אַלטע אָרימע פֿרוי, מיד און דערשלאָגן, גייט גלייך צו צום קעניג, פֿאַרנייגט זיך.)

רחמה: גרויסער קעניג, איך בעט דיך גערעכטיקייט. פֿאַר די לעצטע צוויי דינרים (גילדן) וואָס איך האָב פֿאַרמאָגט, האָב איך מעל געקויפֿט. דאָס מעל האָב איך אָנגעשאָטן אין אַ גרויסער ליימענער שיסל, און עס געטראָגן אַ היים. פּלוצלינג האָט אַ שטאַרקער ווינט אָנגעהויבן בלאָזן, און האָט דאָס מעל איבערן גאַנצן פֿעלד צעבלאָזן. ווער וועט מיר דעם היזק אומקערן? איך בין אַן אַלמנה, און איך האָב איצט ניט פֿאַרוואָס ברויט צו קויפֿן פֿאַר מיינע אָרימע יתומים.

שלמה: ווען האָט דאָס געטראָפֿן?

רחמה: היינט אין דערפֿרי. שוין באַלד זעקס שעה ווי איך גיי אַ הער מיט מיינע מידע און קראַנקע פֿיס. איך האָב נאָך מיט זיך די ליידיקע שיסל (ווייזט די שיסל.)

ש ל מ ה: (צו די וואָס זיצן אויף די סנהדרין־שטולן) פּני־העיר, האָט ווער פון אייך היינט ביי גאָט געבעטן אויף אַ גינסטיקן ווינט פאַר אייערע שיפן?

א י י נ ע ר: (שטעלט זיך אויף) יאָ, גרויסער קעניג. איך האָב געבעטן אויף אַ גינסטיקן ווינט, און דער האַר אין הימל האָט מיין תפילה דערהערט.

צ ו ו י י ט ע ר: (שטעלט זיך אויף) אויך איך האָב אויף אַ גינסטיקן ווינט געבעטן. צוויי פון מיינע שיפן זיינען קיין מצרים אַפּגעפאָרן.

ד ר י ט ע ר: (שטעלט זיך אויף) אין מיינע שייערן האָט מען היינט אין פרימאָרגן די תבואה באַדאַרפט ווינטשופלען, האָב איך תפילה געטאָן אויף אַ גינסטיקן ווינט, און אַזעלכער איז געקומען.

ש ל מ ה: איך בין זייער צופרידן וואָס אונדזער האַר און באַשאַפער האָט אייערע תפילות דערהערט. נאָר אָט דער זעלביקער ווינט וואָס איז פאַר אייך אַזוי גינסטיק געווען, האָט צעבלאָזן דאָס ביסל מעל ביי דער אָרימער אַלמנה וואָס זי האָט געטראָגן פאַר אירע הונגעריקע יתומים. וואָלט ניט געווען קיין יושר, אַז איר זאָלט איר דערפאַר באַלוינען? (אַלע דריי וואַרפן אין שיסל זילבערנע און גאָלדענע מטבעות. רחמה נייגט זיך פאַרן קעניג און לאָזט זיך גיין) וואַרט אויף, אָרימע פרוי. דאָס איז נאָך ניט אין גאַנצן. היינטיקער ווינט האָט אויך מיר געגעבן פרייד, און דערפאַר וועל איך דיר אויך געבן מיין קעניגלעכע מתנה. אדונירם!

א ד ו נ י ר ם: (פאַרנייגט זיך) צו דיין באַפעל, גרויסער קעניג.

ש ל מ ה: זאָלסט אַרויפליינן אַזויפיל גאָלדענע מטבעות, אַז מען זאָל קיינע פון די זילבערנע ניט אַרויסזען. טו דאָס מיט דער פולער האַנט. דאָס געלט זאָלסטו נעמען פון מיין פערזענלעכן אוצר. (רחמה נייגט זיך פאַר שלמהן און פאַר די סנהדרין. זי גייט אָפּ לינקס מיט אדונירם'ן. דינער קומט פון רעכטס, פאַרנייגט זיך.)

ד י נ ע ר: גרויסער קעניג, די מלכה שבא געפינט זיך אין קריסטאַלענעם זאַל פון לבנון־פּאַלאַץ. זי בעט ביי דיר אַ דערלויבעניש אַריינצוקומען אין געריכט־זאַל.

ש ל מ ה: זאָג איר, אַז זי מעג אַריינקומען. (דינער אָפּ רעכטס. אַלע גרייטן זיך, מען מאַכט צורעכט די קליידער. מלכה שבא קומט אַריין, צוויי מיניסטאָרן פון ביידע זייטן. צוויי פּאַזשן טראָגן נאָך דעם שלעפּ פון איר קלייד. אַלע אויסער שלמהן שטעלן זיך אויף און פאַרנייגן זיך. מלכה שבא פאַרנייגט זיך פאַר שלמהן.)

מ ל כ ה ש ב א: האַר, פון ישראל־פאָלק. וועסט מיר דערלויבן,

אײדער איך פארלאז דאס לאנד איבער װעלכן דו ביסט מלך און ריכטער, אױסצוהערן די חכמה און גערעכטיקײט מיט װעלכע דו משפטסט דײן פאלק?

ש ל מ ה :   אױב דײן נײגיר איז אזױ גרױס, זאל ער באפרידיקט װערן. קום ארױף, און זעץ זיך לעבן מיר. (שטעלט זיך אױף, נעמט איר פארן האנט, זי גײט ארױף און זעצט זיך לעבן שלמהן. אלע זעצן זיך צוריק אױף זײערע ערטער.)

ש ל מ ה :   יהושפט, האסטו נאך װעלכע עס איז משפטים?

י ה ו ש פ ט :   יא, קעניג, געדענקסט געװיס דעם ירושה־משפט צװישן צװײ ברידער װאס איז פארגעקומען מיט דרײ טעג צוריק? עס האנדלט זיך װעגן א צװאה פון א פאטער װאס האט אפגעשריבן זײן גאנצע ירושה פאר דעם בעסטן פון די צװײ זין. נאר אזױ װי יעדער אײנער פון זײ האלט זיך פארן בעסטן, האבן זײ ניט געװאוסט װאס צו טאן. האבן זײ זיך געװענדט צו דיר נאך אן אנטשײדונג. דײן באפעל איז געװען, אז פלטיאל, אײנער פון דײנע זעכציק גבורים זאל גײן מיט זײ אין זײער דארף, און אױסגראבן זײער פאטערס טױטן קערפער, אים צובינדן צו א בױם און בײדע זאלן אין אים שיסן. בײדע דארפן זיך אבער באמיען צו טרעפן אים אין הארצן. פלטיאל האט זיך שױ. צוריק געקערט. איצט, דארפסטו דײן אנטשײדונג ארױסגעבן.

ש ל מ ה :   זאלן זײ ארײנקומען. (דינער אפ, קומט מיט זײ. פלטיאל פארנײגט זיך) פלטיאל, האסטו אױסגעפאלגט אלץ װאס איך האב באפעלן?

פ ל ט י א ל :   יא, מײן האר און קעניג. איך האב אלץ געטאן לױט דײן באפעל. איך האב דעם קערפער פון זײער טױטן פאטער צו געבונדן צו א בױם, און יעדן פון די ברידער האב איך געגעבן א פײל און בױגן. דער עלצטער ברודער האט דער ערשטער געשאסן און ער האט געטראפן אין זײן פאטערס הארץ.

ש ל מ ה :   אן אױסגעצײכנטער שיסער איז ער. נו, און דער אינגסטער?

פ ל ט י א ל :   בײם אינגסטן האב איך ניט געקענט פועלן ער זאל דײן קעניגלעכן באפעל דורכפירן. ער האט אפילו ניט געװאלט דעם בױגן אנציען.

ש ל מ ה :   (צום אינגערן ברודער) פארװאס האסטו ניט אױס־ געפאלט מײן באפעל? װײסטו דען ניט, אז פאר ניט אױספאלגן א קעניגס באפעל װערט מען באשטראפט מיט טױט?

א י נ ג ע ר ע ר   ב ר ו ד ע ר :   גרויסער קעניג, איך בין גרייט שטאַרבן, אָבער שיסן אין מיין פאָטער וועל איך קיינמאָל ניט. בפרט נאָך ווען ער איז טויט. איך געדענק גוט דעם געבאָט וואָס מען האָט מיך געלערנט: „כבד את אביך.״

ש ל מ ה :   דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון זיין פאָטער זאָל אריבערגיין צו אים, צום איינגסטן ברודער. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין דער בעסערער. ווייל, ווער עס לייגט זיין האַנט אויף זיין פאָטער, פאַרדינט זיכער ניט צו באַקומען פון אים קיין ירושה. זענט איר מסכים שופטי־צדק?

ס נ ה ד ר י ן :   פולקאָם מסכים.

ש ל מ ה :   (צום עלצטן) ווי אַזוי רופט מען דיך?

ע מ י נ ד ב :   עמינדב, איז מיין נאָמען.

ש ל מ ה :   הער, עמינדב. אַזוי ווי דו ביסט אַ גוטער שיסער, קענסטו אָנקומען צו מיר פאַר אַ לייב־וועכטער. איך האָב ליב שטאַרקע מענטשן, מיט אַ ווייטזיכטיק־אויג און פעסטער האַנט. ביסטו וויליק דאָס צו טאָן?

ע מ י נ ד ב :   עס איז פאַר מיר אַ גרויסער כבוד צו זיין איינער פון דער לייב־וואַך פון מיין האַר און קעניג.

ש ל מ ה :   אין דריי טעג אַרום זאָלסטו זיך מעלדן צו פּלטיאלן.

ע מ י נ ד ב :   איך וועל טאָן לויט דיין באַפעל, גרויסער קעניג.
(ביידע ברידער גייען אָפּ צופרידענע.)

י ה ו ש פ ט :   (שטעלט זיך אויף) קעניג, און שופטי־צדק פון סנהדרין. מער קיין משפטים האָבן מיר היינט ניט אויפן סדר־היום. דער בית־דין וועט זיך ווידער צוזאַמענקומען אין דריטן טאָג פון קומענדיקער וואָך.

ש ל מ ה :   זאָל דער לויים־כאָר זיך צוגרייטן פאַר געזאַנג.

מ ל כ ה   ש ב א :   האַר פון ישראל, דערלויב מיר אין פנים פון די ריכטער און פירער פון ישראל, אויסצודריקן מיין דאַנק צו דיר און צו אַלעמען, איידער איך פאַרלאָז דאָס לאַנד.

ש ל מ ה :   דיין פאַרלאַנג ווערט באַפרידיקט.

מ ל כ ה   ש ב א :   ערשטנס, דאַנק איך דיר האַר און אויבער־ריכטער פון ישראל־פאָלק פאַר דיין גרויס גאַסטפריינדלעכקייט וואָס דו האָסט צו מיר אַרויסגעוויזן אין דער צייט וואָס איך האָב געוווילט אין דיין לאַנד, און אויך פאַר דעם חן וואָס איך האָב געפונען אין דיינע אויגן. אַ סך חכמה און קענטעניש האָב איך ביי דיר געלערנט. גרויסע

נוצן וועט עס מיר ברענגען אין דער פירונג פון מיין אייגן לאַנד אין וועלכן איך קער זיך איצט אום. דיינע גערעכטע משפּטים האָבן מיר באַוויזן, אַז אייערע געזעצן זיינען שטענדיק אויף דער זייט פון גע־רעכטן, און אויף דער זייט פון אָרימע, אַלמנות, און יתומים. איך וועל זיך באַמיען אַז אויך אין מיין לאַנד זאָלן אַזעלכע גערעכטיקייטן הערשן. און זאָל דאָס זיין דיין באַלוינונג, האַר פון ישראל, וואָס איך — מאַ־קעדאַ בעלקיס, די מלכה פון שבא וואָס וואוינט אין דער הויפּט־שטאָט קיטור, זאָג פאַר אַלעמען, אַז דו ביסט אַ מלך חכם, און אַ שופט צדיק. אַלע מלכים פון מזרח, מעריב, צפון און דרום, דאַרפן, און זאָלן קומען צו דיר זיך לערנען ווי צו פירן זייערע לענדער אין שלום און יושר, ווי דו מיין האַר פירסט דיין לאַנד. צווייטנס, וועל איך דיר בעטן, זאָלסט צונעמען פון מיר די צוואַנציק כיכר גאָלד וואָס מיין שיף האָט נעכטן געבראַכט. דאָס גאָלד זאָלסטו אַריינגעבן אין שאַצקאַמער פון בית המקדש, און דערמיט העלפן אָרימע, אַלמנות און יתומים, וועלכע דו וועסט געפינען פאַר נויטיק. איך וויל דיר אויך בעטן, זאָלסט מיט־שיקן מיט מיר אַ לערער פאַר דיין זון מוני־לאַק סולימאַן פון וועלכן איך בין די מוטער, אַז ער זאָל אים לערנען און פירן אין די וועגן פון דיין הייליקן געבאָט, אום ער זאָל קענען אויסוואַקסן אַזאַ קלוגער און שטאָלצער פירער פון זיין לאַנד, ווי דו ביסט אין דיין לאַנד. איך בעט דיך מיינע בקשות צו דערפילן, און איך וועל אַ גליקלעכע און צופריי־דענע דיין לאַנד פאַרלאָזן. אויך איר, ריכטער פון סנהדרין, נעמט צו מיין גרויסן דאַנק פאַר דער גרויסער מאָס מאָראַל און יושר וואָס איך האָב פון אייך און אייערע משפּטים געלערנט. מיינע בעסטע ברכות צו אייך און צו דעם ישראל־פאָלק. (זי נייגט זיך פאַר שלמהן און פאַר די סנהדרין. זי זעצט זיך.)

ש ל מ ה: (איראָניש) עס איז פאַר מיר קיין נייס ניט צו הערן האָניק־זיסע רייד פון אַ פרוי'ס מויל. זיבן הונדערט ווייבער, און דריי הונדערט קעפּס־ווייבער געפינען זיך אין מיינע פּאַלאַצן, און פון זייערע מיילער פליסן שטענדיק זאַנפטיקע רייד, ווי רויזן־אייל גלאַט. דיינע רייד, הערשערן פון שבא, זיינען אָבער ניט געגליכן צו זייערע. נישט דאָס רייכטום פון מיינע פּאַלאַצן האָט דיך געבראַכט אַ הערצו, ווייל רייכטום האָסטו גענוג אין דיין אייגן לאַנד. דיין גרויסער דורשט נאָך חכמה און וויסן האָט דיך פון אַזאַ ווייט לאַנד אַהער געבראַכט, און איך בין זייער צופרידן. וואָס דו האָסט קענען־געלערנט אַ טייל פון אונדזערע געזעצן און געבאָטן, וועלכע דו וועסט אָנווענדן לטובת די אונטערטאַנען פון דיין לאַנד. איך בין אויך זייער צופרידן צו הערן פון דעם מויל פון אַ מלכה וואָס האָלט זיך ניט גרויס מיט איר חכמה

און פֿאַרשטאַנד, כאָטש זי באַזיצט אַזעלכן אין אַ גאַנץ גרויסער מאָס. איך וויל, אַז דו זאָלסט שטענדיק געדענקען, אַז ניט די פֿלינקע געווינען דעם געוועט־לויף, און ניט די גבורים — די מלחמה, און אויך ניט די חכמים דאָס ברויט, און אויך ניט די פֿאַרשטענדיקע — עשירות, און ניט די וואוילקענענדיקע — דעם חן. נאָר צייט און צופֿאַל — טרעפֿט זיי אַלעמען. דער מענטש ווייסט צומאָל ניט זיין צייט, און ער ווערט געכאַפּט אַזוי ווי אַ פֿיש אין אַ נעץ. אַ דור פֿאַרגייט, אַ דור קומט, און די ערד באַשטייט עביק. וואָס איז געווען — דאָס וועט זיין, און וואָס איז געשען — דאָס וועט געשען, און ניטאָ קיין נייס אונטער דער זון. הבל הבלים — הכל הבל! נישטיקייט פֿון נישטיקייטן, אַלץ איז נישטיקייט. איך דאַנק דיר מלכה פֿון שבא פֿאַר דער פֿרייד און פֿאַרגעניגן וואָס דו האָסט מיר פֿאַרשאַפֿט אין דער צייט וואָס דו ביסט געווען אונטער דעם שוץ פֿון מיין דאַך. פֿאָר בשלום צוריק אין דיין לאַנד אריין, און זאָל מיין פֿאָלק און לאַנד בלייבן אין דיין זכרון צום גוטן אויף אַלע דיינע לעבנסטעג. דיין בקשה צו שיקן אַ לערער פֿאַר דיין זון וועט דערפֿילט ווערן. עזריה הכוהן, (ער שטעלט זיך אויף) דו וועסט פֿאָרן מיט דער מלכה קיין שבא, און איר העלפֿן דערציען און לערנען איר זון מוני־לאַק סולימאַן, וועלכער קומט אַרויס מזרע שלמה בן דוד מלך פֿון ישראל. לויים זינגט און שפּילט, און זאָלן די טענצערינס אויך טאַנצן לכבוד דער מלכה און הערשעריין פֿון לאַנד שבא!

(מוזיק שפּילט, לויים זינגען תהילים קאַפּיטל ק״ו.)

הללויה!
גיט אַ דאַנק צו גאָט, ווארום ער איז גוט,
ווארום אויף אייביק איז זיין חסד.
ווער קען אויסריידן די גבורות פֿון גאָט,
און מאַכן הערן זיין גאַנצן לויב?

וואויל צו די וואָס היטן גערעכטיקייט,
צו דעם וואָס טוט רעכט צו יעדער צייט.
געדענק מיך גאָט, ווען דו באַוויליקסט דיין פֿאָלק,
דערמאָן מיך אין דיין הילף.
הללויה! הללויה!!!

(טענצערינס טאַנצן אין דער זעלבער צייט, ווען טאַנץ קומט צום העכסטן עקסטאַז פֿאַלט דער פֿאָרהאַנג.)

רות

ביבלישע געזאנגס-שפּיל
אין 3 אקטן און 4 בילדער

אנטיילנעמער:

אלימלך

נעמי

מחלון } אלימלך׳ס זין
כליון

רות

ערפה

בועז

צמח, אלימלך׳ס אַ קרוב

עובד, רות׳ס פאָטער

כוהן

שופט

ראובן, אַ דינער ביי בועזן

ערשטע וואַסער־שעפּערין

צווייטע וואַסער־שעפּערין

זקנים

שניטער

שניטערינס

קלעזמער

מענער, פרויען און קינדער

(די האַנדלונג קומט פאָר אין דער שטאָט אפרת פון בית לחם יהודה אין דער צייט פון די שופטים.)

ערשטער אַקט

(די בינע שטעלט פֿאָר דעם הויף פֿון אלימלך'ס נחלה. ווייט אין פּער־רעספּעקטיוו זעט מען ליידיקע פֿעלדער. די ביימער אַרום שטוב שטייען פֿאַרטרוקנטע. רעכטס פֿון פֿאָדערגרונט דער אַריינגאַנג אין אלימלך'ס שטוב — אַן אויסגעקלעפּטע פֿון שטיין און ליים. קעגן איבער דעם הויז אַ פֿאַסאַד פֿון אַ שייער מיט אַן אָפֿענעם טויער נעבן וועלכן עס ליגט אַ סטויג אויס־געדראָשענע שטרוי. ניט ווייט פֿון סטויג — אַ ברונעם, אַ קאָרעטע אויף וואַסער. אין מיטן הויף איז אָנגעוואָרפֿן — אַ סאָכע און אַ בראָנע, אויך קלענערע פֿעלד־מכשירים.

זונאויפֿגאַנג. פֿון ווייט הערט זיך דאָס געזאַנג פֿון „תּפֿילת־הגשם." ווען דער פֿאָרהאַנג גייט אויף, איז אין מיטן געזאַנג. די בינע איז ליידיק. דאָס געזאַנג ווערט דייטלעכער. נעמי קומט אַרויס מיט וואַקלענדיקע טריט, בלייבט שטיין אומעטיק־פֿאַרטראַכט, און מורמלט נאָך די תּפֿילה וואָס הערט זיך פֿון ווייטן):

מענטש און בוים פֿאַר'חלש'ט שטייען,
איינגעטרוקנט און פֿאַרדאַרט.
רויט ווי קופּער ברענט דער הימל,
גליט און בראָט, און אַלעם דאַרט.

אין די טאָלן אויך די פּאַשע,
ווי דורך פֿייער אויסגעברענט.
מיט אַ תּפֿילה צו דעם הימל —
שטרעקט דער מענטש אויס זיינע הענט.

רחמים בעט ער ביים באַשאַפֿער:
„שיק אַ רעגן, גיב אונדז ברויט.
נעם אַראָפּ פֿון אונדז די קללה,
פֿאַרמייד פֿון אונדז דעם הונגער־טויט.

עפֿן אויף די הימל־פֿענצטער,
זאָל אַ רעגן פֿליסן, פֿאַלן.
מענטש און חיה לעכצט נאָך וואַסער,
שווין אויסגעטרוקנט אַלע קוואַלן.

גרויסן וועט דיין ליבן נאָמען,
בענטשן וועט דיך מאַן און פרוי.
מענטש און פעלד וועסטו דערקוויקן —
מיט דיין רעגן, מיט דיין טוי"...

(געזאַנג ווערט שטילער. נעמי גייט צו צום סטויג שטרוי, זוכט קערנדלעך אין די אויסגעדראָשענע זאַנגען. מחלון און כליון קומען אָן פון רעכטס. זיי זעען אויס מאָגער און בלאַס. זיי בלייבן שטיין פון וווייטן און קוקן וואָס נעמי טוט. פויזע.)

מ ח ל ו ן : זיי געבענטשט מוטער. ביי דער היינטיקער תפילת הגשם זיינען אַ סך פרויען געווען. מען האָט געפרעגט אויף דיר. איך האָב זיי געזאָגט, אַז שוין דעם דריטן טאָג ווי דו קענסט ניט אויפשטיין פון געלעגער.

כ ל י ו ן : איך בין זייער צופרידן מוטער, דיך צו זען אויף די פיס.

נ ע מ י : די תפילה צום האַר אין הימל האָט מיך דערמונטערט, און אין הויף אַרויסגעפירט. צוזאַמען מיט אַלעמען האָב איך פון וווייטן אויך תפילה געטאָן און אויף רעגן געבעטן. ווייל אין אונדזער הויז האָבן זיך שוין די לעצטע קערנדלעך־תבואה אויסגעלאָזט. (וויינט) און איר מיינע קינדער זענט הונגעריק.

מ ח ל ו ן : נישט אין דער שטרוי שוין לאַנג אויסגעדראָשענער וועסטו קערנדלעך געפינען עס זאָל גענוגענען פאַר די הונגעריקע, אפילו ניט פאַר דיר — דער קראַנקער. דער פאָטער איז שטאַרק באַזאָרגט וועגן דעם. ער איז איינער פון די מער געליטענע.

נ ע מ י : גאָטס צאָרן איז אויסגעגאָסן געוואָרן אויף אונדז, ווייל מיר זיינען אין זיינע וועגן ניט געגאַנגען, און זיינע געזעצן ניט געהיט ווען אונדז איז גוט געווען.

כ ל י ו ן : זיינען מיר דען ערגער פון אַלע אפרת'ער? אין גאַנץ בית־לחם איז דאָך אַ הונגער!

מ ח ל ו ן : איך האָב געהערט, אַז דער פאָטער קלייבט זיך צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. איך האָב אויך געהערט אים ריידן מיטן כוהן און זקנים וועגן דעם.

נ ע מ י : (וויינט) צו וואָס טוט ער דאָס? פאַרוואָס זאָל אונדזער געביין אויף פרעמדער ערד אומקומען? אויב דאָס איז אַ שטראָף פון באַשאַפער, דאַרפן מיר זי מיט ליבע אָננעמען.

מ ח ל ו ן : ער איז ניט דער איינציקער וואָס קלייבט זיך אויס־

וואַנדערן. אַ סך משפּחות טוען דאָס. מענטשן באַגייען און אומרעכט ווען זיי זעצן זיך אַוועק און וואַרטן אויפֿן טויט. שוין חדשים לאַנג ווי יעדן פֿרימאָרגן בעטן מיר אויף רעגן, און די הימלען זיינען ווי אַנגעגליטער קופּער.

נ ע מ י : דאָס האָט דער האַר אין הימל אויף אונדז די תּוכחה אַנגעשיקט. (וויינט. אלימלך קומט פון לינקס, נעמי ווישט די אויגן.)

א ל י מ ל ד : איך בין גליקלעך וואָס איך זע דיך אויף די פֿיס מיין ליבע נעמי. גוטע מענטשן האָבן היינט אויך געדערט פֿון דיר.

מ ח ל ו ן : פֿאָטער, האָט בועז דיר צוגעזאָגט צו באַהילפֿיק זיין אין דיין פֿאַרגענומענער איבערוואַנדערונג?

א ל י מ ל ד : יאָ, זון. ער וויל מיר אויסבאָרגן צוויי קעמלען און איין אייזל, אויב איך וועל נאָך היינט זיך לאָזן אין וועג אַריין.

נ ע מ י : היינט נאָך אין וועג אַריין? איך בין נאָך ניט ביים גאַנצן געזונט, און מען דאַרף אויך האָבן צייט אויף צונויפֿנעמען דאָס איבערגעבליבענע ביסל אָרימקייט. צו וואָס דער געאייל?

א ל י מ ל ד : (מיט אַ זיפֿץ) נישטאָ קיין סך וואָס מיטצונעמען, ליבע נעמי. דאָס ביסל באַוועגלעך פֿאַרמעגן וואָס באַשטייט פֿון הויז־ראַד און קליידער, וועל איך מיט דער הילף פֿון אונדזערע זין מחלון און כליון אין פּעק צוזאַמענבינדן, און דאָס אומבאַוועגלעכע, האָב איך פֿאַר עדות איבערגעגעבן אין רשות פֿון מיין קרוב בועז, ער זאָל דערמיט וואַלטן ביז גאָטס צאָרן וועט זיך איינשטילן, און מיר וועלן בשלום זיך צוריקקערן.

נ ע מ י : מען טאָר פֿון גאָטס שטראָף ניט אַנטלויפֿן. אויב ער שטראָפֿט אונדז פֿאַר פֿאַרדינטע זינד, וועט זיין שטראָף אונדז נאָכ־פֿאָלגן.

מ ח ל ו ן : אונדזער פֿאָטער איז ניט דער איינציקער וואָס וויל אויסוואַנדערן...

כ ל י ו ן : אַ סך משפּחות, און אפֿילו אייניקע פֿון אונדזערע קרובים וועלן איינגיכן דאָס לאַנד פֿאַרלאָזן.

א ל י מ ל ד : יאָ, נעמי. איך בין ניט דער איינציקער. אפֿילו ביים כּהן אליעזר איז דאָ אַזאַ פֿאַרלאַנג. נאָר די איינוואוינער פֿון שטאָט לאָזן אים ניט אָפּ. מיט דעם לעצטן ביסן טיילט מען זיך מיט אים. אפֿילו ווען גאָט זאָל זיין צאָרן פֿון אונדז אָפּווענדן, און זאָל שוין שיקן רעגן, פֿאַרמאָגן מיר אפֿילו ניט קיין מעסטל פֿאַרזיי־תּבֿואה, און

אויך ניט קיין אַקס און קיין אייזל דאָס פעלד צו באַאַקערן. און וואו וועלן מיר נעמען ברויט אויף איבערצוקומען די צייט ביז דער פאַרזייטע וועט רייף ווערן?

מ ח ל ו ן: מוטער, האָב רחמנות אויף זיך און אויף אונדז אַלעמען. דורך אונדזער אָרימקייט האָבן מיר די חשיבות אין מענטש־לעכע אויגן פאַרלאָרן. מיר קענען שוין מער צו פרעמדער הילף ניט אָנקומען...

כ ל י ו ן: בפרט נאָך צו די וואָס האָבן שטענדיק פון פאָטער אָפּגע'חוזק'ט וואָס ער העלפט מיט אַן אָפענער האַנט אָרימע יתומים, און קיינמאָל זיך און משפחה ניט אינזינען געהאַט. זיי, די אָפּשפּעטער — זיינען איצט די קלוגע, ווייל דורך זייער קאַרגשאַפט און איינגהאַר־ציקייט פאַרמאָגן זיי נאָך תבואה אין זייערע שפּייכלערס. (אלימלך'ס פּנים צוקט פון עגמת נפש. ער באַהערשט זיך, דאָס געדולד פּלאַצט און ער שרייט:)

א ל י מ ל ך: גענוג מיין זון! פאַרמייד ווי צוטאָן דיין פאָטער אומזיסט. נישט דורך מיינע און אייערע זינד קומען מיר אָפּ.

נ ע מ י: (גייט צו, באַרירט זיין אַקסל צערטלעך) זאָל דיין ווילן מיט גאָטס הילף מקוים ווערן. כאָטש מיין האַרץ איז מיר שווער, און עס ווילט זיך ניט שלעפּן דאָס געביין אין דער פרעמד, פיל איך אָבער מיט דיין שפלות און חרפה וואָס דו האָסט אויסצושטיין. זאָל אונדזער אויסוואַנדערונג זיין דער קרבן פאַר אונדזערע און פאַר אַלעמענס זינד... האָסטו אלימלך שוין באַשטימט אין וועלכן לאַנד דו ווילסט דיין פוסטריט ריכטן?

א ל י מ ל ך: יאָ, נעמי. קיין מואב. דו געדענקסט געווים אונדזער געוועזענעם קנעכט עובד. נאָך זיין באַפרייאונג פון קנעכטשאַפט, האָט ער זיך אין מואב באַזעצט, און דורך ערלעכער און שווערער מי איז ער באַגליקט געוואָרן. ער באַשעפטיקט זיך מיט שיפבויאונג און פיש־פאַנג. ער האָט באַפוילן, אַז מיר זאָלן צו אים קומען איבער דער צייט פון הונגער. ער וויל מיר זאָלן זיינע געסט זיין.

נ ע מ י: זאָל זיין געלויבט דעם באַשאַפער נאָמען פאַר דעם חסד וואָס ער טוט מיט אונדז. ער איז געווען אַ געטרייער מענטש אפילו אין קנעכטשאַפט. אָבער קיין מואב איז דאָך אַזאַ ווייטער וועג. עס איז דאָך אויפן צווייטן זייט פון ים־המלח. (וויינט)

(בועז און נאָך צוויי אידן קומען פון לינקס. נעמי ווישט די אויגן, אלימלך און זין איבעראַשט פון זייער אומגעריכטן קומען.)

ב ו ע ז: זייט געבענטשט קרובים מיינע!

א י ד ן: זייט געבענטשט.

א ל י מ ל ך: זאָל גאָט נאָמען געאַכפּערט און געלויבט זיין!
(נעמי און זין פאַרנויגן זיך.)

ב ו ע ז: אלימלך, איך בין געקומען ביי דיר פרעגן אויב דו וועסט זיך באַנוצן מיט מיינע קעמלען און אייזל וואָס איך וויל דיר אויסבאָרגן, ווייל איך האָב איצט אַ מעגלעכקייט זיי צו פאַרקויפן.

א י ד ן: ריכטיק זיינען די רייד פון בועזן.

א ל י מ ל ך: זיכער וועל איך זיך מיט זיי באַנוצן. אויף ווי לאַנג געטרויסטו זיי מיר?

ב ו ע ז: אויף צען טעג. אויב איך וועל זיי ניט באַקומען צוריק ביז אין יענעם משך, פאַרלירסטו דיין נחלה אויף אייביק. אידן, איר זענט עדות!
(אידן פאַרנויגן זיך.)

א ל י מ ל ך: (מיט ביטערקייט) איבער מיין נחלה ביסטו דאָך שוין אַלצאיינס דער באַלעבאָס. איך וועל זיך באַמיען, אַז דו זאָלסט די קעמלען און דאָס אייזל באַקומען צוריק אין דער באַשטימטער צייט.

מ ח ל ו ן: פאָטער, מיר קענען פאַר אַזאַ זאַך ניט ערב זיין. דער וועג איז אַ ווייטער און אַ געפערלעכער. ווער ווייסט וואָס אויפן וועג קען טרעפן?

כ ל י ו ן: זאָל בועז מיטשיקן זיינעם אַ באַגלייטער, און ער זאָל די שטוב־חיות צוריקפירן.

נ ע מ י: כליון איז גערעכט. דו, בועז, וועסט מיטשיקן דיינעם אַ קנעכט, יעמאָלט וועסטו זיכער זיין מיט ביידע זאַכן, וועסט די נחלה האָבן, און אויך די קעמלען מיטן אייזל. וואָס מיך וואונדערט איז, פון וואַנען אין אונדזער משפחה האָט זיך גענומען אַזאַ מין בעל תכלית ווי דו ביסט. קיינער פון אונדז איז ניט אַזוי אויסגערעכנט ווי דו. (בועז וויל עפּעס זאָגן, אלימלך שלאָגט איבער.)

א ל י מ ל ך: זאָל דער האַר אין הימל משפטן ווער פון אונדז איז דער גערעכטער. גיי נעמי, און איר מיינע זין — גרייט זיך צו אין וואַנדערוועג אריין. און דו בועז, גיי אַהיים, און גיב די שטוב־חיות זאָט אָפּצועסן. גיב זיי עפּעס אויך מיט אויפן וועג. אַ שטומע צונג קען ניט בעטן עסן ווען זי איז הונגעריק. (נעמי און זין גייען אָפּ אין שטוב אַריין, בועז און אידן גייען אָפּ שווייגנדיק לינקס. אלימלך גייט אַרום אויף און אָפּ מיט אַ געזונקענעם קאָפּ פאַרקלערט, זיפצט. שטעלט זיך מיטן פּנים צו מזרח, און מורמלט אַ תפילה אין רעטשעטאַטיוו:)

האר פון אַלע וועלטן!
פאַרנעם מיין שטילע תפילה,
און שיק דיין מחילה —
אויף די זינד:
פון מאַן, פרוי און קינד.

פאַרמייד פון זיי די נויט,
וועלכע דראָעט שוין מיט טויט.
זיי מיר מוחל, וואָס איך —
פאַרלאָז דאָס לאַנד פון ישראל!
וואָס דו האָסט געשענקט צו מיינע עלטערן אַ מאָל.

שטיי מיך ביי אין מיין —
וואַנדערוועג דעם וויטן,
און ברענג אונדז בשלום צו ליטן,
וואָס ווילן מיך און משפחה —
מכניס אורח זיין.

פאַרמייד דעם טויט פון אונדזער פנים,
היט אונדז אויס —
פון רוצחים און גזלנים, —
וואָס לויערן אויף שטעג און וועג.

פאַרלענגער אונדזערע טעג,
מיר זאָלן אָן חרפּה און שאַנד —
זיך אומקערן אין אונדזער לאַנד.
אמן!

מ ח ל ו ן: (טראָגט אַרויס אַ פּאַק) מיר זיינען שוין באַלד גרייט, פאָטער! דער טאָג איז נאָך גרויס, מיר וועלן נאָך קאָנען היינט זיך לאָזן אין וועג אריין.

כ ל י ו ן: (מיט אַ צווייטן פּאַק) דאָס גאַנצע הויז־ראַד אין צוויי פּעק בלויז. (אלימלך שאָקלט מיטן קאָפּ.)

נ ע מ י: (מיט אַ שטיק אַלטן טוך אין האַנט, וואַקלט זיך פון שוואַכקייט.) בין גרייט אין וואַנדערוועג זיך לאָזן, און זאָל גאָט'ס נאָמען זיין געבענטשט. (וואַקלט אויף אומצופאַלן. אלימלך לויפט צו און פאַרכאַפּט זי, פירט איר צו אַ שטיין וואָס ביים ברונעם. קינדער העלפן איר זיך אַוועקזעצן.)

א ל י מ ל ד: זעץ זיך נעמי, ביסט שוואך און מיד. קינדער, גייט צו בועז'ן און זאָגט אים ער זאָל די קעמלען צושיקן. (ביידע זיין אָפּ לינקס.)

נ ע מ י: שווער איז מיר מיין געמיט. מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז קיין גליק וועלן מיר אין אונדזער אויסוואַנדערונג ניט געפינען. נאָר אויב אַזוי איז אונדזער מזל, בין איך גרייט אויף דעם קרבן.

א ל י מ ל ד: האָב צוטרוי צום באַשאַפער. אויב דאָס איז זיין ווילן, זאָל אַזוי געשען. (פון לינקס קומען אָן מענער, פרויען און קינדער. נאָך זיי כוהן, שופט און זקנים.)

כ ו ה ן: זייט געבענטשט קינדער פון ישראל.

א ל ע: זייט געבענטשט.

א ל י מ ל ד: זאָל געגרויסט זיין דעם באַשאַפערס נאָמען. (נעמי, זין און אלימלך פאַרנייגן זיך.)

כ ו ה ן: איך האָב געהערט אלימלך, אַז דו וואַנדערסט אויס קיין מואב. האָסטו דאָרטן אַ גואל, אַ קרוב, אַ פריינט?

א ל י מ ל ד: יאָ, כוהן. מיינעם אַ געוועזענעם קנעכט. אַ געטרייער און איבערגעגעבענער מענטש געווען. עובד איז זיין נאָמען. ער האָט מיך און משפחה פאַרבעטן צו זיך ביז די הונגער־צייט וועט אַריבער.

ש ו פ ט: די מצוה פון הכנסת־אורחים וועט אים ביישטיין. אַ שאָד וואָס ער איז אַן עובד־כוכבים.

נ ע מ י: פאַר די זעקס יאָר וואָס ער איז ביי אונדז געווען, האָב איך קיינמאָל ניט געמערקט ער זאָל זיך פאַרנעמען מיט געצנדינעריי. ער האָט בלויז שטילע תפילות געמורמלט.

כ ו ה ן: גאָטס וועגן נישט נאָכצוקלערן. (ביידע זין קומען)

מ ח ל ו ן: די קעמלען זיינען שוין גרייט פאָטער.

כ ל י ו ן: זיי שטייען הינטערן שפייכלער.

כ ו ה ן: קומט קינדער אַ הער. (זיי גייען צו) אויך דו אלימלך און נעמי. (זיי קומען צו, משפחה שטעלט זיך צואַמען. די מענטשן רינגלען זיי אַרום אין אַ האַלבן קרייז.) איך וועל אייך אין מיין נאָמען, און אויך אין נאָמען פון אַלע אַנוועזענדע און אָפּוועזנדע — בענטשן. איר האָט פאַרדינט די ברכה פון באַשאַפער, און אונדזערע אַלעמענס ברכות. (אלימלך און משפחה שטייען מיט געבויגענע קעפּ. כוהן מיט אויפגעהויבענע הענט, זינגט, אַלע זינגען מיט:)

ד׳ יצליח דרככם!
זאָל גאָט באַגליקן אייער וועג,
און אייך שיקן גליקלעכע טעג,
פאַר דעם גוטס וואָס —
איר האָט געטאָן מיט מענטשן.
פאַר אייער רחמנות,
אויף יתומים און אלמנות.
פאַר אייער זיך ניט באַנעמען שלעכט —
צו שקלאַפן און קנעכט.
פאַר דעם העלפן אַלעמען אין נויט—
מיטן לעצטן ביסן ברויט.
זאָל דער האַר אין הימל,
אייך היטן אין דער וואַלד און אין דרימל,
און ברענגען אייך בשלום —
צו דעם אָרט פון אייער חלום.

א ל ע : צתכם בשלום, צתכם לשלום ! ! !

א ל י מ ל ך א ו ן מ ש פ ח ה : זייט געבענטשט. (מען דרייט זיך אין הקפות דריי מאָל אַרום ברונעם, אַלע מיט געהויבענע הענט, מען זינגט:)

ד׳ יצליח דרככם! זאָל גאָט באַגליקן אייער וועג,
און אייך שיקן גליקלעכע טעג!
און איר זאָלט קומען בשלום
צום אָרט פון אייער חלום. (זין נעמען פעק, אַלע נאָך זיי זינגענדיק. אלימלך און נעמי וויינען, גייען אַפּ.)

(פאָרהאַנג)

צווייטער אַקט

אַ גאָרטן בײַ עובדן. רות — עובדס טאָכטער גרייט זיך אויפנעמען אירע חברטעס וועלכע דאַרפן באַלד קומען איר באַגריסן צו דער חתונה מיט מחלון'ען. רות זיצט, פלעכט אַ בלומען־קראַנץ און זינגט:

שיין זענט איר טעכטער פון מואב,
בויגיק און שלאַנק ווי די צעדער.
די הויט פונם פּנים — אַ ברוינע,
ווי מאַנדלען אין אונדזערע סעדער.

שטימעס ווי זילבערנע גלעקלעך,
וואָס טרילערן אויס אַ געזאַנג.
לידער פון בענקשאַפט נאָך ליבע —
וואָס רייפט אין הארצן פון לאַנג.

קומט שנעלער איר טעכטער פון מואב,
מיט פריילעך געזאַנג, און מיט טענץ.
פאַר אייך און מיין ליבן באַשערטן,
פלעכט איך פון בלומען די קרענץ...

ע ו ב ד: (קומט פון רעכטס מיט אַ פּעקעלע אין האַנט) זיי געגריסט מיין טאָכטער. דיין פריידיק געזאַנג האָט מיין האַרץ אויפגעמונטערט. איך בין הינטער אַ בוים געשטאַנען, און דיר שטערן ניט געוואָלט ביז דו האָסט דאָס ליד געענדיקט. מיין האַרץ איז מיט טרויער פול וואָס דיין מוטער, און אויך מיין געוועזענעם האַר אלימלך איז ניט באַשערט געווען צו דערלעבן זייערע קינדערס חתונה. (בלייבט שטיין מיט אַ געזונקענעם קאָפּ.)

ר ו ת: (לויפט צו, דריקט פאָטער צו זיך) איך פיל מיט דיין טרויער ליבער פאָטער, און אויך א י ד באַדויער זייער, וואָס ניט מיין מוטער און אויך ניט מחלון'ס פאָטער האָבן דערלעבט אונדזער היינטיקע גרויסע פרייד. אַזוי איז שוין דאָס מזל פון מענטשן, אַליין קען ער זיינע טעג ניט פאַרלענגערן. דעם מענטשנס טעג זיינען געציילטע, אַזויפיל, און ניט מער. זיי מונטער ליבער פאָטער, און נעם אויף מיין חתונה־טאָג ווי דאָס גרעסטע געשעעניש אין אונדזער לעבן. איך פיל זיך גליקלעך וואָס אַ געוועזענעם קנעכטס טאָכטער האָט

חתונה מיט דעם האר'ס זון. און גרעסער איז נאָך מיין פרייד וואָס איך אַ טאָכטער פון מואב האָב חתונה מיט אַ זון פון אויסדערוויילטן ישראל־פאָלק.

ע ו ב ד: (קושט איר אין שטערן) זאָל דיין פרייד אויך מיין פרייד זיין, און זאָל דיין אַנשליסונג אַן דעם ישראל־פאָלק אויך מיך פאַררעכענען אַלס קרוב צו זיי, און דורך דעם וועט אפשר אויך מיין נאָמען צווישן זיי פאַראייביקט ווערן.

ר ו ת: אַזוי וועט געשעען ליבער פאָטער. (קושט אים) וואוהין גייסטו, און וואָס טראָגסטו מיט זיך ליבער פאָטער?

ע ו ב ד: איך גיי באַגעגענען מיין האַרנטע — נעמי. זי איז אויפן קבר פון איר מאַן אלימלך אַוועקגעגאַנגען. אויף דער חתונה אים פאַרבעטן איז זי געגאַנגען.

ר ו ת: (דערשראָקן) וואָס?! אַ טויטן אויף דער חתונה פאַר־בעטן?...

ע ו ב ד: יאָ, מיין קינד. אַזוי פירט זיך ביי די ישראל־קינדער. (טריט) איך הער מען גייט. (נעמי קומט פון רעכטס, עובד און רות פאַר־נייגן זיך) זיי געגריסט מיין האַרנטע נעמי.

ר ו ת: זיי געגריסט מוטער פון מיין באַשערטן.

נ ע מ י: זייט געגריסט און געבענטשט.

ע ו ב ד: וועסט מוחל זיין דיין געוועזענעם קנעכט וואָס דער־לויבט זיך צו זיין האַרנטע אַ מתנה געבן. דאָס איז אַ טוך וואָס איך האָב ביי אַ פיניקישן סוחר געקויפט פאַר מיין טאָכטער רות. זי וויל אָבער, אַז דו מיין האַרנטע זאָלסט אים טראָגן צו דער חתונה פון דיין בכור. (פאַרנייגט זיך גיט איר דאָס פעקעלע. נעמי שטייט אומבאַוועגלעך. רות נעמט דאָס פעקל פון עובד'ס הענט און וויקלט עס פאַנאַנדער, וואַרפט אַרויף דעם טוך אויף נעמיס אַקסל. נעמי דורך טרערן.)

נ ע מ י: איך דאַנק דיר עובד, און אויך דיר — רות. פון היינט אָן וועסטו מיין טאָכטער ווערן. דער האַר אין הימל האָט מיך מיט קיין טעכטער ניט באַשענקט, וועסטו חוץ שנור — אויך מיין טאָכטער זיין. (קושט איר) און דיר עובד ווינטש איך, אַז פון דיין טאָכטערס שויס זאָלן אַרויסקומען דורות וואָס זאָלן זיין אַ שטאָלץ פאַרן פאָלק ישראל, און אויך פאַר דיר, וועלכער איז פול מיט ליבע און איבער־געבנקייט ניט בלויז צו מיר און מיינע קינדער, נאָר צום גאַנצן אידישן פאָלק. זיי געבענטשט. (אַפּ לינקס ווישנדיק די אויגן.)

ע ו ב ד: איך בין איבערגליקלעך וואָס זי האָט די מתנה גע־

נומען. איצט מיין טאָכטער, וועל איך גיין צוגרייטן אַלצדינג פאַר דער סעודה. דעם גאַנצן דאָרף האָב איך פאַרבעטן. פיר שעפּסן, און צוויי פעטע קעלבער וועל איך שעכטן, און צוואַנציק לאַגלען וויין האָב איך אָנגעגרייט. איך וויל, אַז די חתונה זאָל בלייבן ביי אַלעמען אין געדע־כעניש אויף לאַנגע יאָרן. (גייט אָפּ רעכטס.)

ר ו ת: גיי געזונט פאָטער. (פּויזע, רות גייט אַרום אַ פאַרטראַכטע, זינגט פאַר זיך אין דער שטיל)

קומט שנעלער איר טעכטער פון מואב,
מיט פרייליכער געזאַנגט און מיט טענץ.
פאַר אייך און מיין ליבן באַשערטן,
פלעכט איך פון בלומען די קרענץ.

(מחלון קומט אין דער שטיל, פאַר׳גנב׳עט זיך און פאַרשטעלט איר די אויגן. קליינע פּויזע. רות טאַפּט זיינע הענט.)

ר ו ת: איך פיל אין דער צאַרטקייט פון דער הויט, און אויך אין דער לענג פון די פינגער, אַז דאָס זענען די הענט פון מיין ליבן מחלון.

מ ח ל ו ן: האָסט געטראָפן מיין ליבע. (בויגט אַריבער איר קאָפּ צו זיך, קושט זי.) איך האָב נאָר וואָס דיין פאָטער אויפן וועג גע־טראָפן. זיין פּנים שיינט פון פרייד. ער האָט מיך געשיקט צו דיר.

ר ו ת: און דו אַליין האָסט גאָר ניט געוואָלט קומען אַ קוק טאָן וואָס דיין כלה מאַכט אין איר חתונה־טאָג?

מ ח ל ו ן: איך האָב צוערשט געוואָלט אַריינגיין אין מיין מוטערס געצעלט זען וואָס זי מאַכט. איך וויים, אַז נעכטן האָט זי אַ סך עגמת־נפש געהאַט פון כליונען. ער האָט איר געזאָגט, אַז ער וויל חתונה האָבן פאַר ערפּהן.

ר ו ת: (דערשראָקן) פאַר ערפּה׳ן, זאָגסטו?

מ ח ל ו ן: יאָ, פאַר ערפּהן. די מאַמע זאָגט, אַז ער איז נאָך צו יונג, און ערפּה איז ווילד און שטיפעריש.

ר ו ת: איך וויים, דיין מוטער האָט ניט ליב אַזעלכע. זי האָט ליב באַשיידענע און שטילע מענטשן. פאַרשייטקייט זאָגט זי — ברענגט צו זינד, און פאַר זינד באַשטראָפט אייער גאָט.

מ ח ל ו ן: און אייער גאָט באַשטראָפט ניט פאַר קיין זינד?

ר ו ת: איך וויים ניט, ליבער. ניט איך, און ניט מיין פאָטער גלויבן אין אונדזערע געטער. דאָס האָט מיין פאָטער ביי אייך זיך אויס־געלערנט ניט צו גלויבן אין געטער וואָס זיינען געמאַכט פון האָלץ און שטיין. און אַזוי האָט ער מיך אויך געלערנט.

מ ח ל ו ן: אין וועלכן זשע גאָט גלויבסטו — טייערע?

ר ו ת: אין דיינעם — מחלון! און דערפֿאַר האָב איך דיך ליב באַקומען.

מ ח ל ו ן: גליקלעך וועט מיין מוטער זיין, ווען איך וועל איר דאָס דערציילן. (קושט זי. רות נעמט אַ בלומען־קרענצל, לייגט עס אויף מחלון'ס קאָפּ.)

ר ו ת: זעסט, מיין ליבער, דאָס האָב איך קרענץ געפֿלאָכטן פֿאַר דיר, דיין מאַמען, און מיין פֿאָטער.

מ ח ל ו ן: און פֿאַר כליון'ען?

ר ו ת: וועסט מיר מוחל זיין וואָס איך וועל ריידן אויף דיין ברודער שלעכטע רייד. זיין באַרימערישקייט שטערט מיין געמיט, און זיין באַציאונג צו דיין מוטער שטויסט מיך אָפּ פֿון אים. (געזאַנג הערט זיך פֿון ווייטנס. עס ווערט אַלע מאָל דייטלעכער) מיינע חבר'טעם קומען.

מ ח ל ו ן: איך וועל דערווייל אַריינגיין אין מיין מוטערס געצעלט. (גייט אָפּ לינקס. רות זעצט זיך, פֿלעכט ווידער די קרענצלעך. געזאַנג גאַנץ נאָענט. עס הערט זיך דאָס ליד:)

שטייען פֿעלדער רייף באַלאָדן,
פֿול מיט ווייץ און קאָרן־זאַנגען.
שניידן שניטערס מיט די מעסערס,
און זינגען פֿריילעכע געזאַנגען.

רייפֿט דער וויינשטאָק און דער מילגרוים,
ברוין די מאַנדלען, געל די פֿייגן.
אַלע ביימער שווער באַלאָדן,
פֿול מיט שפּע אַלע צווייגן.
(קומען אַריין)

שיין און יונג די מואב־טעכטער,
שטאַלצע, בראַווע אירע זין.
לאַנגע ברייטע פֿול מיט פֿאַשע,
פֿון טוי געצוואָגן־פֿריש און גרין.

זיי געגריסט דו שיינע כלה!
צירט איר קאָפּ אַרום מיט אַ קראַנץ.
שליסט איר איין אין רינג אינמיטן,
לאָזט זיך שוועבן אין אַ טאַנץ...

(מיידלעך כאַפּן רותן, טוען איר אָן אַ קרענצל אויפן קאָפּ, זיי לאָזן זיך גיין אין אַ טאַנץ. נעמי און מחלון באַווייזן זיך. טאַנץ גרופּירט זיך צו פיר אין אַ שורה, זיי טאַנצן אַרום אין קבלת־פּנים קעגן נעמי און מחלון. טענצערינס פאַרנייגן זיך, פירן רותן קעגן זיי, און זינגען:)

מזל טוב דיר, מוטער גרויע,
אויך צום חתן פרייד און גליק.
שנעל זאָלט איר זיך קענען קערן,
צו אייער לאַנד און היים צוריק.

לאַנגע יאָרן, גליק און פרידן,
ווינטשן מיר דער שיינער כלה.
מזל טוב! און מזל טוב!!
ווינטשן מיר אייך אַלע!!
(זיי טאַנצן אַרום חתן־כלה און נעמי.)

נ ע מ י : מיין האַרציקסטע ברכה צו אייך שיינע מואב־טעכטער, און מיין טיפסטן דאַנק פאַר אייער גאַסטפריינדלעכקייט צו פרעמדע. (כליון און ערפה קומען. מיידלעך קוקן זיך איבער. נעמי׳ס פּנים ווערט באַצויגן מיט אומעט, ערפה קוקט זיך אַרום דערשראָקן, מחלון לאָזט זיך צו כליון׳ען נעמי האַלט אים אָפּ) צעשטער ניט מיין זון די פרייד פון דיין חתונה־טאָג. כליון איז נאָך צו יונג דאָס צו פאַרשטיין.

כ ל י ו ן : (אויפגערעגט) איינגאַנצן מיט פיר יאָר אינגער פון אים. ערפה איז מיין כלה, און איך וועל אויך איינגיכן חתונה האָבן.

נ ע מ י : זיכער וועסטו חתונה האָבן, מיין קינד. דערווייל ביסטו נאָך צו יונג, און ערפה נאָך אינגער. חוץ דעם דאַרף מען אויך פרעגן ביי ערפה׳ס פאָטער אויב ער איז צופרידן, אַז איר זאָלט חתונה האָבן.

ע ר פ ה : ער איז צופרידן, ער האָט מיר געזאָגט.

נ ע מ י : איך בין אָבער ניט צופרידן. איך דאַרף אייך אויך מ י י ן ברכה געבן. חוץ, וואָס איך בין דיין מוטער, זון מיינער, פאַרנעם איך איצט אויך דאָס אָרט פון דיין פאָטער.
(עובד קומט מיט מ״ותנים און קלעזמער.)

ע ו ב ד : (פאַרנייגט זיך פאַר נעמין) מזל־טוב — מיין האַרנטע, מזל טוב חתן כלה, און מזל טוב אייך מיינע געסט. איך האָב אַראַבישע קלעזמער געבראַכט. קלעזמער, שפּילט אויף דעם קנופּן־טאַנץ! בינדט צוזאַמען חתן־כלה פאַר די הענט!! (צוויי חברטעס בינדן צו מיט אַ טיכל רות׳ס רעכטע האַנט צו מחלון׳ס לינקער האַנט) נעמט זיך אַלע פאַר

די הענט, און שליסט זיי איין אין א רינג! (מיידלעך טוען דאָס, נעמי קוקט מיט טרערן אין די אויגן, און רירט זיך ניט פון אָרט) און דו — מיין הארנטע, וואס ביסטו אויסן געבליבן?

נ ע מ י: פרעמד איז מיר דער מנהג. דארף איך זיך אויך אין רינג אָנשליסן?

ע ו ב ד: יאָ, אַלע שליסן זיך אָן. (נעמי טוט דאָס) קלעזמער, און זינגער, שפּילט און זינגט! (קלעזמער שפּילן, זינגער זינגען און פּאַטשן מיט די הענט:)

אולאָ, אולאָ, אולאָ־לאָ,
מזל טוב אונדז אַלע.
אולאָ, אולאָ, אולאָ־לאָ,
גליק צו חתן־כלה. (טאַנץ ווערט שטאַרקער)

אולאָ, אולאָ, אולאָ־לאָ,
פרייט זיך מחתונים.
אולאָ, אולאָ, אולאָ־לאָ,
שיין איז כלה׳ס פּנים. (טאַנץ נאָך שטאַרקער)

אולאָ, אולאָ, אולאָ־לאָ,
זינגען מיר צוזאַמען.
אולאָ, אולאָ, מזל טוב!
דעם חתן מיט דער מאַמען!! (העכסטער עקסטאַז)

אולאָ, אולאָ, נאָך אַמאָל,
ס׳וועט אייך גאָר ניט שאַטן!
אולאָ, אולאָ, מזל טוב —
אויך דער כלה׳ס טאַטן!!!

(פאָרהאַנג)

דריטער אַקט — (ערשט בילד)

(די זעלבע אויסשטאַטונג ווי אין צווייטן אַקט, מיט צען יאָר שפּעטער. נעמי זעט אויס שטאַרק געעלטערט. דאָס זעלבע אויך רות, ערפּה און עובד. ווען דער פאָרהאַנג גייט אויף איז נעמי אויף דער בינע, זי נעמט ארויס זאַכן פון אַ קאַרב און מאַכט אַ פּעקל, זי באַטראַכט זיי און וויינט. רות קומט פון לינקס, בלייבט שטיין, קוקט אַ ווײַלע, לאָזט זיך גיין צו נעמין. נעמי ווישט די אויגן און זאָגט:)

נ ע מ י : זײַ געגריסט, מײַן טאָכטער.

ר ו ת : זײַ געגריסט, מוטער. מײַן פאָטער האָט מיר געזאָגט, אַז דו קלײַבסט זיך צו פאַרלאָזן אונדזער לאַנד.

נ ע מ י : יאָ, מײַן קינד. איך האָב געהערט, אַז אונדזער באַשאַפער האָט געדאַכט אָן זײַן פאָלק און זיי ווידער געגעבן ברויט. דאָ בין איך געבליבן פאַרעלנדט פון מײַן מאַן, און פון מײַנע בײדע קינדער. (וויינט) אַ בענקשאַפט איז אויפגעשטאַנען אין מיר, און נאָגט און ציט מיך צו די יהודה־בערג, און צו די בלויע הימלען פון בית־לחם. (רות וויינט) ווײַן נישט טאָכטער, דאָס איז דער גורל פון דער פרוי. דו האָסט בלויז דײַן מאַן פאַרלאָרן, און איך האָב מײַנע צוויי זין, און אויך מײַן מאַן פאַרלאָרן. (בײדע וויינען, ערפּה קומט שטאַרק נידערגעשלאָגן, נעמט אַרום נעמין און רותן, יאָמערט אויף אַ קול. נעמי קושט ערפּהן און זאָגט:) זײַ געטרייסט מײַן קינד. דו ביסט נאָך צו יונג איבערצוטראָגן דעם גרויסן אומגליק, וועלכער האָט דיך אַזוי אומגעריכט געטראָפן. איך ווייס, דו האָסט כליונען שטאַרק ליב געהאַט. מיר איז פיל ביטערער פון אייך, ווײַל גאָטס האַנט איז אויסגעגאַנגען אויף מיר. אַזוי איז אָבער זײַן ווילן געווען. „ער האָט געגעבן און ער האָט גענומען, און זאָל זײַן נאָמען געלויבט זײַן.”

ע ר פּ ה : ניין, מוטער. קיינע טרייסט־ווערטער זײַנען ניט אומשטאַנד צו פאַרמילדערן מײַן גרויסן בראָך. פון מײַן זכרון וועט קיינמאָל ניט אָפּגעווישט ווערן דער נאָמען פון מײַן מאַן כליון. (וויינט)

ר ו ת : בארואיק זיך ליבע ערפּה. (צערטלט זי.)

נ ע מ י : זאָל דער האַר אין הימל אויף אייך זיך דערבאַרעמען, און אייך אַ טרייסט שיקן דורך אַנדערע מענער, איר זענט נאָך יונג. איך וועל שוין אַזוי אין מײַן טרויער פאַרגיין, ווײַל איך בין צו אַלט.

גייט, קינדער מיינע, קערט זיך אום יעדע צו איר מוטערס הויז. זאָל גאָט טאָן מיט אייך חסד, ווי איר האָט געטאָן מיט די געשטאָרבענע און אויך מיט מיר. זאָל אייך גאָט געבען מנוחה צו יעדן פון אייך אין הויז פון איר מאַן. (נעמי קושט זיי, זיי וויינען.)

ר ו ת: ניין, מוטער. איך וועל גיין מיט דיר!

ע ר פ ה: און איך וועל אויך מיטגיין מיט אייך. מיר וועלן מיט דיר מוטער זיך אומקערן צו דיין פאָלק.

נ ע מ י: טעכטער מיינע, צו וואָס זאָלט איר מיטגיין מיט מיר? האָב איך דען נאָך זין אין מיין לייב, אַז זיי זאָלן אייך ווערן מאַנען? און אויב אפילו איך זאָל געבערן זין, וועט איר דען אויף זיי אויסקוקן ביז זיי וועלן גרויס ווערן? צו וואָס זאָלט איר מיט מיר צוזאַמען טראָגן מיין גרויסן צער? גייט אייך קינדער יעדע צו איר מוטערס הויז, און לאָזט מיך גיין צוריק אין מיין לאַנד און צו מיין משפחה.

ע ר פ ה: (פאַלט אויף נעמים האַלדז, קושט זי און וויינט) גיי בשלום ליבע מוטער, און איך וועל מיין ביטערן גורל פאַרטראָגן אין מיין מאַן׳ס הויז. און אין שאָטן פון זיין קבר וועל איך אין געוויין פאַרגיין. זאָל די ליבע פון דער ווילדער ערפּה צו דיין זון כליון דיר דיין וועג גרינגער מאַכן. (קושט נעמין און רותן, לאָזט זיך גיין. נעמי און רות קוקן איר נאָך און וויינען. ערפּה דרייט זיך אוים וואַרטנדיק אויף רותן, רות ווייזט איר מיט דער האַנט זי זאָל אַוועקגיין. ערפּה אָפּ מיט אַ יאָמער־געוויין.)

נ ע מ י: פאַרוואָס טאָכטער ביסטו געבליבן? דיין שוועגעריין האָט זיך אומגעקערט צו איר פאָלק און צו איר גאָט. קער זיך אויך אום נאָך דיין שוועגעריין.

ר ו ת: זאָלסט מיך ניט בעטן דיך צו פאַרלאָזן, און זיך אומ־צוקערן פון הינטער דיר. וואָרום וואוהין דו וועסט גיין, וועל איך גיין, וואו דו וועסט נעכטיקן, וועל איך נעכטיקן, דיין פאָלק איז מיין פאָלק, און דיין גאָט איז מיין גאָט. וואו דו וועסט שטאַרבן, וועל איך שטאַרבן און דאָרטן וועל איך באַגראָבן ווערן. זאָל מיר גאָט טאָן אַזוי, און נאָך מער! נאָר דער טויט וועט פאַנאַנדערשיידן צווישן מיר און דיר.

נ ע מ י: ווייסטו אָבער טאָכטער, אַז אונדזער וועג וועט דיך פירן צו אַ פרעמד לאַנד, און צו אַ פרעמדער שפּראַך? עלנד און איינ־זאַם פילט מען זיך אין אַ פרעמד לאַנד.

ר ו ת: ניין, מוטער. נישט פרעמד איז מיר דאָס לאַנד וואו מיין מאַן — דיין זון איז געבאָרן געוואָרן און אויסגעוואַקסן. אויך הייליק איז פאַר מיר די שפּראַך אויף וועלכער ער האָט מיט דיר שטענדיק

גערעדט. איך וועל מיט ליבע און געדולד טראָגן מיין ביטערן גורל אין אייער לאַנד, פונקט ווי דו האָסט עס געטאָן אין אונדזער לאַנד. שטוים מיך ניט אָפּ ליבע מוטער, ווייל דאָס מואב־לאַנד, און אויך מיין משפחה זיינען איצט פרעמד פאַר מיר. (נעמי קושט רותן און וויינט.)

נ ע מ י : זאָל ד י י ן ווילן אויך זיין גאָטס ווילן, און פאַר דיינע ליידן זאָל ער דיר מיט פריידן באַשענקען. (נעמט דאָס פּעקל אויפן אַקסל, אַ שטעקן אין האַנט, קוקט זיך אַרום ווי זי וואָלט זיך געזעגנט מיט אַלץ. ביידע לאָזן זיך גיין. עובד קומט אַנטקעגן, פאַרגוויגט זיך מיט גרוים דרך־ארץ.)

ע ו ב ד : זיי געבענטשט מיין האַרנטע, און אויך דו מיין טאָכטער.

נ ע מ י : זיי געגריסט, עובד. זאָל דיר דער גאָט איבער אַלע געטער דיינע יאָרן פאַרלענגערן אין גליק און פריידן פאַר דעם חסד און גאַסטפריינדלעכקייט וואָס דו האָסט צו אונדז אַרויסגעוויזן.

ע ו ב ד : מיין האַרץ איז איבערפולט מיט ווייטיק, זעענדיק דיך פאַרלאָזן אונדזער לאַנד אַזוי עלענד, אליין.

ר ו ת : אויך איך פאָטער גיי מיט איר. ק י י ן כוח איז ניט אומשטאַנד איבערצוררייסן מיין באַהעפטונג מיטן ישראל־פאָלק. אויף מיין האַנט איז נאָך ביז איצט געבליבן אַ בלויער צייכן פון די חתונה־קנופּן מיט וועלכע מען האָט מיך און מחלון׳ען צוזאַמענגעבונדן. (ווייזט דעם צייכן) און ווי לאַנג דער צייכן וועט שטיין — וועל איך געהערן צום פאָלק־ישראל.

ע ו ב ד : זאָל דיין בונד מיטן ישראל־פאָלק זיין דער שלום־בריק צווישן מואב און יהודה, און דורך דיר מיין קינד זאָל אויפגעשטעלט ווערן אַ דור מיט וועלכן אויך מיין נאָמען זאָל זיין פאַרבונדן.

נ ע מ י : דער אידישער גאָט צאָלט שטענדיק גוטס פאַר גוטס, און שלעכטס פאַר שלעכטס. זאָל דאָס שלעכטס מיט וועלכן איך בין געשטראָפט געוואָרן, זיין אַ פאַרגעבונג אויף אונדזערע זינד, און דער נייער דור זאָל מער פון קיין שטראָף ניט וויסן.

ע ו ב ד : האָט איר כאָטש מיטגענומען עסן און וואַסער אויפן וועג?

נ ע מ י : דער גאָט וואָס שפּייזט אַ ווערמל אונטערן שטיין, ער איז אויך דער שפּייזער פון אונדז אַלעמען, בפרט נאָך פון אלמנות און יתומים.

עובד: גייט בשלום, און גאט זאָל אייער וועג באַגליקן.

(הייבט אויף די הענט, פאַרנויגט זיך. רות און נעמי גייען אָפּ. עובד קוקט זיי נאָך, וויינט שטיל.)

(פאָרהאַנג)

דריטער אַקט — (צווייט בילד)

(ביים טויער פון בית־לחם. רעכטס, אַן ארקע־מעסיקער טויער געמאַכט פון שטיינער מיט אַן אויפשריפט: „השער לבית־לחם." לינקס אַ ברונעם מיט אַ שטיינערנעם אַרומצאַם. אין הינטערגרונט זעט זיך אַ גרינער טאָל איבער וועלכן עס טורעמען זיך די יהודה־בערג. ניט ווייט פון ברונעם ליגן צוויי גרויסע און פלאַכע שטיינער פאַר די זקני־העיר, שופט און כוהן. ווען דער פאָרהאַנג גייט אויף הערט מען אַ געזאַנג וואָס ווערט אַלע מאָל העכער. זונאויפגאַנג. נעמי און רות קומען אַן פאַרשטויבטע, בלייבן שטיין, און הערן זיך איין. נעמי וויינט פאַר פרייד.)

שניטער־ליד

אויף די פעלדער פון בית־לחם,
רייפט גאָטס ברכה אינם גערשטן.
פאַר דעם כוהן וועט מען שניידן —
דעם העומר, היינט צום ערשטן.

שווערער הונגער שוין פאַראיבער,
פריילעך קלינגט דאָס ליד פון שניט.
שטרעק דעם ארעם, שאַרף דאָס מעסער,
שנייד און בינד, און ווער ניט מיד.

שטאָלץ און פריילעך צו דעם ברונעם,
גייען אַלע — יונג און אַלט.
שעפּן וואַסער אין די קרוגן,
קרישטאַל־וואַסער, פריש און קאַלט.

לויבט דעם שעפער אין די הימלען,
וואָס פאַרמיידט פון אונדז די נויט.
טוי און רעגן שיק באַצייטנס,
וואַקסן, רייפן זאָל דאָס ברויט.

נ ע מ י : (הייבט די הענט צום הימל, פאַרגייט אין אַ תפילה) געגרויסט און געאַכפּערט זאָל זיין דיין נאָמען האַר אין הימל וואָס דו האָסט אונדז בשלום געבראַכט צו די טויערן פון בית־לחם. פריידיק קלינגט פאַר מיר דאָס ליד פון די שניטער, וועלכע גרייטן זיך צונויפזאַמלען די ברכה פון דער ערד. זיי געגרויסט און זיי געלויבט באַשאַפער פון הימל און ערד. (פּויזע.)

ר ו ת : זעץ זיך מוטער, דו ביסט מיד, רו זיך אָפּ אַ ביסל, נאָכדעם וועלן מיר אין שטאָט אריינגיין. (ווייזט איר אָן אויף אַ שטיין.)

נ ע מ י : ניין, מיין קינד. אויף די שטיינער טאָר קיינער פון פאָלק זיך ניט זעצן. אויף זיי זיצן בלויז די עלצטע פון שטאָט — דער כוהן און די ריכטער ווען זיי משפּטן. (שניטער און שניטערינס קומען אָן מיט קרוגן אויף די אַקסל גייענדיק צום ברונעם. זיי זינגען די לעצטע צוויי פערזן: „שטאָלץ און פריילעך צו דעם ברונעם." ראובן דער אויפפּאַסער שטעלט זיי אויס אין אַ ריי איינס נאָך איינס, מען שעפּט וואַסער. די מיט די פולע קרוגן שטעלן זיך ווידער אין אַ ריי צו צוויי. שעפּערינס שטופּן זיך צום ברונעם.)

ר א ו ב ן : שטויסט זיך ניט, האַלט די אָרדענונג. וואָסער איז דאָ גענוג פאַר אַלעמען. דאָס וואַסער האָט איבער נאָכט אָנגעקוועלט איבער די ראַנדן.

נ ע מ י : וועמעס זון ביסטו, בחור בראַווער, און אויף וועמעס פעלד גייט איר איצט דעם עומר שניידן?

ר א ו ב ן : אין דיינע פאַרשטויבטע קליידער זע איך דאָך, אַז דו ביסט אַ פרעמדע, ווי אַזוי זשע קענסטו וויסן ווער איך בין אויב איך וועל דיר אפילו זאָגן?

נ ע מ י : (מיט טרערן) ניין, מיין זון. ניט קיין פרעמדע בין איך דאָ, נאָר בלויז אַן אָפּגעפרעמדטע. צען יאָר בין איך דאָ ניט געווען. ווען איך בין פון דאַנען אַוועקגעגאַנגען בין איך געווען איינגער. כ'האָב געהאַט אַ מאַן און צוויי זין! איצט בין איך עלענד, אַליין אָן אַ מאַן און אָן מיינע זין. אַ פולע בין איך פון דאַנען אַרויסגעגאַנגען, און אַ ליידיקע האָט מיך גאָט אומגעקערט. (אַלע רינגלען איר אַרום.)

ר א ו ב ן : ביסט אַלימלך'ס פרוי — נעמי?

אַ ל ע : (איבעראַשט) איז דאָס נעמי? ? ! !

נ ע מ י : רופט מיך ניט נעמי — די אָנגענעמע, רופט מיך בעסער מרה — די ביטערע, ווארום, דער אַלמעכטיקער האָט מיך זייער פאַרביטערט. גאָט איז מיין קלעגער געוואָרן און ער האָט מיר שלעכטס געטאָן.

ראובן: און ווער איז די צווייטע פרוי?

נעמי: דאָס איז מיין שנור — רות. מחלון׳ס פרוי. מיר זיינען איצט ביידע אַלמנות.

ראובן: אונדזער האר — בועז, איז דאך דיינער אַ קרוב!

נעמי: יאָ, פון מיין מאַן — אלימלך׳ס משפחה. וואָס מאַכט ער?

ראובן: ער איז זייער אַ וואוילפאַרמעגלעכער מאַן. דאָס גייען מיר איצט שניידן דעם עומר־גערשטן אויף זיינע פעלדער.

אביגיל: קום, ראובן. דו האָסט זיך פאַררעדט, און די זון האָט זיך שוין איבער די בערג אַרויסגעצויגן.

אלע: קומט שנעלער, קומט!

רות: מעג איך עפּעס פרעגן? (אַלע נייגעריק) מוטער, דיין זון, און מיין מאַן מחלון, האָט מיר אָפט דערציילט וועגן די שיינע מנהגים און פירונגען, וועלכע זיינען פאַראַן ביי די אידן. ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז שניטצייט איז דערלויבט פאַר אַלמנות און יתומים אויפצוקלייבן די אַראָפּגעפאַלענע זאַנגען וואָס פאַלן אַראָפּ פון אונטער די שניטערס הענט, און קיינער טאָר זיי ניט שטערן און פאַרווערן. איז דאָס אמת?

ראובן: זיכער, לקט — אויפקלייבונג איז ביי אונדז אַ גרויסע מצוה. דאָס באַלאַנגט צו אַלמנות, יתומים און אָרימע לייט. קום מיט אונדז, בועז וועט זיכער זיין צופרידן דיך צו זען אויף זיינע פעלדער.

רות: מעג איך גיין, שוויגער?

נעמי: גיי מיין טאָכטער, און זאָל דער האר אין הימל געבן דו זאָלסט געפינען ליטזעליקייט אין זיינע אויגן. ווען דו וועסט מיך ווערן, זאָלסטו אַהערצו קומען, איך וועל דיך דאָ אָפּוואַרטן.

ראובן: אפשר וואָלסטו אויך געגאַנגען מיט אונדז דיין קרוב זען?

נעמי: איך בין עלטער פון אים, אויב ער וויל, זאָל ער מיך קומען זען. זאָג אים דאָס.

ראובן: איך וועל עס טאָן. קומט! (אַלע אָפּ, זינגענדיק: „אויף די פעלדער פון בית־לחם.")

נעמי: (צו רותן) טאָכטער מיינע, ווען דו וועסט מיך ווערן, זאָלסטו אַהער קומען, וועלן מיר ביידע קיין בית־לחם אריינגיין, אפשר וועט אונדז אימיצער מקרב זיין, און אונדז שוץ און אָפּדאַך געבן.

גיי מיין קינד שנעלער. (רות אַפּ נאָך די שניטעריגס. נעמי בלייבט אַליין, זוכט אויס אַ ווינקל זעצט זיך אַוועק. פויזע, עס קומט אַן אַ מיידל, שעפּט אַן אַ קרוג וואַסער, גייט פאַרביי נעמין, באַטראַכט זי מיט נייגיר.)

נ ע מ י: מעג איך טאָכטער ביי דיר בעטן אַ טרונק וואַסער?

א ס נ ה: זאָל דיין ווילן באַפרידיקט ווערן, ליבע פרוי. (דערלאַנגט איר דעם קרוג, נעמי טרינקט.)

נ ע מ י: זאָל דיר דער באַשאַפער פאַר דיין גוטסקייט באַצאָלן. וועמעס טאָכטער ביסטו?

א ס נ ה: זבדי דעם אַקער־שמידס טאָכטער, בין איך.

נ ע מ י: איך קען דיין פאָטער. דיין מוטער האָט מען דוכט זיך דינה גערופן? וואָס מאַכט זי?

א ס נ ה: (טרויעריק) מיין מוטער איז אין די הונגער־יאָרן געשטאָרבן. ביסטו אַלטע אַ בית־לחם'ער? דיין פּנים איז פאַר מיר פרעמד.

נ ע מ י: ווען איך האָב בית־לחם פאַרלאָזן, ביסטו נאָך אַ קליין קינד געווען. גיי מיין קינד אַ היים, אימיצער מוז אויף דעם וואַסער וואַרטן.

א ס נ ה: קיינער איז אין דער היים ניטאָ. אַלע זיינען היינט צום ערשטן עומר־שניט אַרויס. איך בין אין דער היים פאַרבליבן עסן צופאַרגרייטן. (פון ווייטנס הערט זיך געזאַנג, עס ווערט אַלע מאָל נעענטער. מיידלעך קומען אָן מיט קרוגן און זינגען:)

כוואַליען זיך אין טאָל די זאַנגען,
ברויז און גאָלדיק זיי'רע פאַרבן.
מעסער — קלינגען, שניטער — זינגען,
בינדנדיק די עומר־גאַרבן.

פון די בערג אויף פעלדער, לאַנגע,
בלאָזט אַ ווינט, אַ לינדער.
זעטיקן זיך מיט דער פּאַשע —
טשערעדעס שאָף און רינדער.

בליט דער מילגרוים, רייפט דער וויינשטאָק.
צערטלט זיי דער מילדער ווינט.
מחנות בינען — זופּן נעקטאַר,
מילך און האָניק — רינט...

שולמית: (צו אסנהן) אסנה, איל זיך שנעלער אַ היים, דייז ברודער נפתלי ווארט אויף וואַסער. (זי כאַפּט קרוג אויפן אַקסל, לויפט שנעל אַפּ.)

(מיידלעך שעפּן וואַסער, אַלע קוקן אויף איר פאַרדעכטיקט, גייען פאַרביי שווייגנדיקע.)

צפורה: זיי געגריסט אַלטע, אַזאַ פרײדיקער שמייכל האָט דייז פּנים באַצויגן. האָסט מסתמא אין דיינע יוגנט־יאָרן זיך דערמאָנט?

נעמי: איך האָב שוין לאַנג ניט געזען די שיינע יהודה־טעכטער אין אַזאַ פרייַלעכן געמיט. איך ווינטש אייך קינדער איר זאָלט קיינמאָל ניט וויסן פון קיין טרויער.

שולמית: צפורה, קום שנעלער, מען דאַרף דאָס מאָרגן־עסן אין פעלד אריין טראָגן.

עטלעכע: קומט שנעלער, קומט!

נעמי: גייט געזונט, שיינע אידישע טעכטער. (מיידלעך אַפּ. קליינע פּויזע. רות קומט מיט אַ גאַרב אין האַנט.)

רות: זיי געגריסט מוטער. (לאָזט אַראָפּ דעם גאַרב מיט איין האַנט, אין דער צווייטער האַלט זי געבּרענטע גערשטן.)

נעמי: איך זע מיין קינד, אַז גאָט האָט דיר מצליח געווען. אַזאַ גרויסן גאַרב אין אַזאַ קורצער צייט אָנגעקליבן.

רות: יאָ, מוטער. נעם, עס דערווייל די געבּרענטע גערשטן. דו מוזט אָבער זיכער הונגעריק זיין. עס, און איך וועל דיר דערציילן וואָס עס איז פאָרגעקומען. (נעמי עסט די געבּרענטע גערשטן) ווען איך בין אויפן פעלד געקומען, האָב איך זיך הינטער די שניטערס געשטעלט, און אַזוי פון וויטן זיי נאָכגעגאַנגען. קלייבנדיק זאַנג נאָך זאַנג, האָב איך גאָר ניט באַמערקט ווי בועז איז אָנגעקומען. נאָר באַלד האָב איך געהערט ווי ער האָט געפרעגט ביי דעם יונג וואָס שטייט איבער די שניטערס „ווער איך בין", און דער יונג האָט אים געענטפערט אַז איך בין אַ מואב'ערין וואָס האָט זיך אומגעקערט מיט נעמין פון מואב־לאַנד. ווען בועז האָט דיין נאָמען דערהערט, האָט ער עפּעס מיט דעם יונג אין דער שטיל גערעדט, און נאָכדעם איז ער צו מיר צוגעגאַנגען און געזאָגט: „דו הערסט, טאָכטער, דו זאָלסט פון דאַנען ניט אַוועק־גיין קלייבן אין אַן אַנדער פעלד. דו זאָלסט זיך האַלטן מיט מיינע מיידלעך, הינטער זיי זאָלסטו גיין. איך האָב באַפוילן די יונגען דיך ניט אָנצורירן, און אַז דיך וועט דורשטן, זאָלסטו גיין צו די כלים, און טרינקען פון וואָס די יונגען שעפּן." ביז איך געפאַלן אויף מיין פּנים, זיך געבוקט צו דער ערד, און האָב אים געדאַנקט.

נ ע מ י: געבענטשט זאָל ער זיין פון גאָט וואָס האָט ניט פאַר־לאָזן זיין חסד מיט די לעבעדיקע און מיט די טויטע. בועז איז אונד־זערער אַ קרוב, ער איז פון אונדזערע אויסלייזער. (בועז קומט אַן, רות פאַרנייגט זיך טיף, בועז נייגט זיך פאַר נעמין.)

ב ו ע ז: זיי געגריסט און געבענטשט מיין קרובה מיט דיין אנקומען, און אויך דו מואב־טאָכטער, זיי געגריסט. דערפרייט האָט זיך מיין האַרץ ווען מיין יונג האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביסט דאָ. פאַרוואָס זיצסטו נעמי פון דער זייט טויער? קער זיך אום צו דיין נחלה.

נ ע מ י: מיין נחלה באַלאַנגט שוין ניט צו מיר. קיין אויסלייזער האָב איך ניט און איך אַליין בין אַלט און אָרעם. (בועז קוקט אויף רותן, וועלכע שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.)

ב ו ע ז: און וואָס איז מיט דיין שנור?

ר ו ת: איך בין דאָך אַ פרעמדע...

ב ו ע ז: עס איז מיר דערציילט געוואָרן אַלץ וואָס דו האָסט געטאָן מיט דיין שוויגער נאָך דיין מאַנס טויט, און אַז דו האָסט פאַר־לאָזן דיין פאָטער׳ס הויז און אויך דאָס לאַנד פון דיין געבאָרנשאַפט און ביסט געגאַנגען צו אַ פאָלק וואָס דו האָסט ניט געקענט פון נעכטן און אייער־נעכטן. זאָל דערפאַר גאָט דיר באַצאָלן פאַר דיין טואונג וואָס דו ביסט געקומען זיך באַשיצן אונטער זיינע פליגל.

ר ו ת: איך דאַנק דיר האַר, וואָס איך האָב געפונען לייטזעלי־קייט אין דיינע אויגן, און האָסט גערעדט צום האַרצן פון דיין דינסט. איך בין צומאָל ניט ווי איינע פון דיינע דינסטן.

ב ו ע ז: קער זיך רות צוריק אין פעלד אַריין. די שניטערס עסן איצט זייער פרימאָרגן־ברויט. גיי אַהין, און עס מיט זיי פון דעם ברויט וואָס איז פאַר אַלעמען אָנגעגרייט. זאָלסט אויך איינטינקען דיין ברויט אין זויערס. גיי, און טו מיין ווילן.

ר ו ת: (פאַרנייגט זיך) זיי געבענטשט מיין האַר פאַר דעם לייט־זעליקייט וואָס איך האָב אין דיינע אויגן געפונען. (אָפּ רעכטס.)

ב ו ע ז: נעמי, איך ווייס פון דעם גרויסן אומגליק וואָס האָט מיט דיר אין דעם מואב־לאַנד געטראָפן. ליידיק האָסטו זיך אומגעקערט אין דעם לאַנד פון דיין געבאָרנשאַפט, אָן אַ גואל, אָן אַ פריינד. דערפאַר איז דיר בית־לחם אַזוי אָפּגעפרעמדט, און דו ווילסט אפילו ניט די שוועל פון טויער אַריבערשפּרייזן. לויטן דין, האָסטו טאַקע דיין נחלה פאַרלאָרן. איך וועל אָבער אויסזוכן אלימלך׳ס נאָענטסטן קרוב, און זאָל ער זיין דיין אויסלייזער. אויב ניט פאַר דיר, ווייל דו ביזט שוין צו

אַלט, איז פֿאַר דיין שנור, זי איז יונג און שיין, און זאָל ער אויס־שפּרייטן זיין בּרעג פֿון קליידּ איבּער איר. אַזוי אַרום וועט איר אייער נחלה צוריק באַקומען און דורך דעם וועט אויפגעשטעלט ווערן דער נאָמען פֿון געשטאָרבענעם אויף זיין נחלה.

נ ע מ י: איך ווייס ניט פֿון קיין גואל און פֿון קיין קרוב, אויסער דיר — בּועז.

ב ו ע ז: מיר דוכט, עס מוז זיין אַ נאָענטערער קרוב פֿון מיר. איך וועל צום כּוהן אַריבּערגיין, און זאָל ער אין די יחוס־צעטלען פֿון דער גאַנצער אלימלך־משפּחה נאָכזוכן, אפשר וועלן מיר אימיצן גע־פֿינען.

נ ע מ י: גיי, בּועז. און זאָל דער האַר אין הימל בּיישטיין דיין גוטן ווילן. (בּועז פֿאַרנויגט זיך, אַפּ רעקטס. נעמי נעמט דעם גערשטן־גאַרבּ און שיילט אויס די קערנדלעך אין שויס אַריין. קליינע פּויזע.)

ר א ו ב ן: (לויפֿט אַריין פֿון לינקס) איז מיין האַר דאָ נישטאָ?

נ ע מ י: געוועזן און אַוועקגעגאַנגען. האָט עפּעס וואָס פּאַסירט וואָס דו לויפֿסט אין אַזאַ געאייל?

ר א ו ב ן: ס'האָט גאָרניט פּאַסירט. איך האָבּ אים פֿרעגן בּלויז געוואָלט וואָס צו טאָן מיט די שניטערס. זיי פֿאַרענדיקן שוין בּאַלד דאָס פֿעלד, זיי האַלטן שוין בּיים פּאה־ווינקל און בּיז זונפֿאַרגאַנג איז נאָך ווייט. מען קען נאָך אָנהייבּן דאָס צווייטע פֿעלד וואָס געפֿינט זיך אויף דיין נחלה.

נ ע מ י: צו געטריי בּיסטו דיין האַר — בּחור בּראַוועה. בּיסטו אַמאָל אַ שניטער אויך געווען?

ר א ו ב ן: קיינמאָל ניט. שטענדיק בּלויז אויפֿגעפּאַסט אויף יענעם.

נ ע מ י: דערפֿאַר פֿילסטו ניט דעם ווייטיק אין דיינע הענט, און אויך ניט דעם רוקנווייטיק פֿון די שניטערס. טרייבּ זיי ניט, גיי און זאָג זיי, מען זאָל לאַנגזאַם שניידן, און אויף דעם פֿעלד פֿאַרציען בּיז די זון וועט זיך נעמען רוקן אויף מערבֿ. זאָג מיר, בּחור, האָסטו מיין שנור — רות דאָרט געזען?

ר א ו ב ן: יאָ, אַלטע. זי האָט שוין פֿיר גאַרבּן גרויסע אָנגע־קליבּן. בּועז האָט בּאַפֿוילן, זי זאָל אויך צווישן די גאַרבּן קלייבּן (בּסוד) און ער האָט אויך אָנגעזאָגט, אַז די שניטער זאָלן פֿון די בּינטלעך אַרויסציען און איבּערלאָזן, כּדי זי זאָל עס אויפֿקלייבּן. אַלע שניטערס

האבן דאס געטאן. זי האט ביי אלעמען אין די אויגן חן געפונען. (בועז קומט, אויך דער כוהן, שופט און זיבן זקנים. נעמי שטעלט זיך אויף און פארנויגט זיך פאר זיי.)

כ ו ה ן: זיי געבענטשט אלימלך'ס ווייב מיט דיין צוריקקומען קיין בית־לחם.

ש ו פ ט: זיי געבענטשט. (אלע זעצן זיך אויף די שטיינער. כוהן און שופט אינמיטן.)

ב ו ע ז: נאך וואס ביסטו אהער געקומען, ראובן? די שניטערס האסטו אליין אויפן פעלד געלאזן?...

ר א ו ב ן: (פארנויגט זיך) איך בין געקומען פרעגן מיין האר, צי זאלן מיר נאך היינט אנהייבן שניידן דאס צווייטע פעלד? מיטן ערשטן, זיינען מיר שוין באלד פארטיק.

בו ע ז: עס וועט זיין גענוג פאר היינט. גיי ראובן, און ברענג אלע שניטערס אהער. אויפן וועג זאלסטו פארגייין צום הינקענדיקן צמח, און אים זאגן, אז ער זאל שוין קומען צום טויער פון שטאט. דער כוהן, שופט און זקנים ווארטן אויף אים.

ר א ו ב ן: (פארנויגט זיך) אזוי וועט געשען מיין האר. (אפ רעכטס.)

ש ו פ ט: (צו נעמין) זעץ זיך אלימלך'ס פרוי. ביסט אפשר ניט אזוי אלט, נאר דיין אויסזען דערציילט פון א סך יסורים און פיין וו האסט איבערגעלעבט. (נעמי זעצט זיך.)

כ ו ה ן: בועז האט מיר געהייסן נאכזוכן אין די יחוס־צעטלען פון דיין מאנס משפחה אום אויסצוזוכן דעם נאענטסטן גואל און קרוב וואס זאל קאנען אויסלייזן דיין מאנס און קינדערס נחלה. מיר האבן נאכגעזוכט, און אויסגעפונען, אז דער נאענטסטער גואל און קרוב, איז צמח — דער זון פון אליעזר. בועז קומט נאך אים...

ש ו פ ט: און צמח וועט דארפן זיין דער אויסלייזער. ביסטו מסכים חתונה צו האבן מיט אים?

נ ע מ י: ניין, כוהן. איך בין שוין צו אלט קינדער צו געבערן.

ש ו פ ט: ווערזשע וועט דיין משפחה אויפשטעלן? דיין שנור איז דאך א מואבערין.

נ ע מ י: זי וועט זיך מגיר זיין. זי האט קיינמאל אין אירע אפגעטער ניט געגלויבט.

כ ו ה ן: דאס וועט מען ביי איר אליין דארפן פרעגן. (מען הערט

געזאַנג פון ליד: „אויף די פעלדער פון בית־לחם." עס קומען אַן די שניטערס, וואַסערשעפּערינס, צווישן זיי רות, ראובן און צמח. אַלע בלייבן שטיל, רות שטעלט זיך לעבן נעמין. שטילער געמורמל צווישן די מענטשן.)

כ ו ה ן : (שטעלט זיך אויף, הייבט אויף זיין רעכטע האַנט, אַלע ווערן שטיל) הערט זיך צו בני־ישראל צו דעם משפט־צדק וואָס דאַרף דאַ פאָרקומען. איר אַלע וועט זיין די עדות. בועז, רוף אַרויס דיין קרוב צמח. נעמי און רות, קומט אַרויס און שטעלט זיך אין דער צווייטער זייט. (אַלע טוען דאָס.)

ב ו ע ז : (שטעלט זיך אויף) צמח, קום אַרויס אין אַנגעזיכט פון די עלצטע אין אונדזער שטאָט. (צמח הינקט אַרויס, שטעלט זיך לינקס לעבן די ריכטער) הער אויס, מיין קרוב — צמח. נעמי, דאָס ווייב פון אלימלך האָט זיך אומגעקערט פון מואב. זי פאַרקויפט דאָס שטיקל פעלד וואָס האָט באַלאַנגט צו אונדזער קרוב — אלימלך. וועל איך אַנטפּלעקן דיין אויער אַזוי צו זאָגן: אַזוי ווי דו ביסט דער נאָענטסטער קרוב פון אלימלך'ן, זאָלסטו קויפן דאָס פעלד אַנטקעגן פאַר די וואָס זיצן דאָ, און אַנטקעגן די עלצטע פון אונזער שטאָט. אויב דו ווילסט אויסלייזן — לייז אויס! אויב אָבער דו וועסט ניט אויסלייזן, זאָג מיר, כדי איך זאָל וויסן, ווארום עס איז ניטאָ קיינער חוץ דיר אויסצולייזן, ווייל איך בין נאָך דיר. ביסטו מסכים?

צ מ ח : יאָ, איך וועל אויסלייזן.

ב ו ע ז : אין דעם טאָג וואָס דו קויפסט דאָס פעלד פון נעמיס האַנט און פון רות דער מואבערין, האָסטו אויך געקויפט דאָס ווייב פון געשטאָרבענעם כדי אויפצושטעלן דעם נאָמען פון געשטאָרבענעם אויף זיין נחלה. ביסטו מסכים?

צ מ ח : ניין, איך קען עס ניט אויסלייזן פאַר מיר, איך וועל נאָך פאַרדאַרבן מיין אייגענע נחלה. לייז דיר דו אויס, וואָס איך דאַרף אויסלייזן. איך קען עס ניט טאָן, קויף עס דיר. (צמח ציט אַראָפּ זיין רעכטן שוך, און גיט אים איבער צו בועזן. בועז הייבט אויף הויך דעם שוך, אַלע זאָלן אים זען.)

ש ו פ ט : (שטעלט זיך אויף) זאָל דער אַראָפּגעצויגענער שוך פון צמחן וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן צו בועזן, זיין דער סימן און עדות אין ישראל, אַז צמח גיט איבער די אויסלייזונג צו בועזן, און בועז ווערט דער אויסלייזער. זענט איר עדות?!

אַ ל ע : יאָ, מיר זיינען עדות!

ב ו ע ז : הערט אויס עלצטע, און אויך איר קינדער פון מיין פאָלק! איר זיינט עדות היינט, אַז איך האָב אָפּגעקויפט אַלץ וואָס האָט

געהערט צו אלימלך'ן און זיינע זין מחלון און כליון פון נעמים האנט, און אויך רות די מואבערין — מחלון'ס ווייב, האב איך געקויפט מיר פאר א ווייב, כדי אויפצושטעלן דעם נאמען פון דעם געשטארבענעם אויף זיין נחלה, אום כדי זיין נאמען זאל ניט פארשניטן ווערן פון צווישן זיינע ברידער, און פון דעם טויער פון זיין ארט. איר זענט עדות היינט! (כוהן, שופט און עלצטע שטעלן זיך אויף.)

א ל ע : יא, מיר זיינען עדות! (שופט און זקנים זעצן זיך, כוהן שטייט.)

כ ו ה ן : רות, טאכטער פון...

ר ו ת : עובד.

כ ו ה ן : טאכטער פון עובד, פון לאנד מואב. קום ארויס אין אנגעזיכט פון די ריכטער און פאלק. (רות קומט ארויס) זיי וויסן, אז מיט דיין חתונה האבן מיט בועזן, נעמסטו אויך אן זיין גלויבן, און דאס גלויבן פון גאנצן אנגעזיכט אידישן פאלק—אין דעם איין און איינציקן גאט. ביסטו דאס וויליק צו טאן?!

ר ו ת : יא!

כ ו ה ן : טוסטו דאס מיט דיין פולן ווילן און פארשטאנד?

ר ו ת : יא, איך טו דאס מיט מיין פולן ווילן און פארשטאנד.

כ ו ה ן : בועז! זאל גאט געבן, אז דאס ווייב וואס קומט אן אין דיין הויז, זאל זיין אזוי ווי לאה און רחל וואס זיי ביידע האבן אויפגעבויט דאס הויז פון יעקב. טו אויף העלדישקייט אין אפרת, און האב א בארופענעם נאמען אין בית לחם. בועז, גיי צו צו רותן, די טאכטער פון עובד, און מיט דיין רעכטער האנט הייב אויף איר לינקע האנט אין אנגעזיכט פון אלעמען, און זיי זאלן זיין די עדות פון דעם בונד צווישן בועזן און רותן אלס מאן און ווייב! (בועז טוט עס) מזל טוב ! !

א ל ע : מזל טוב ! מזל טוב ! !

(נעמי קושט רותן, ווינטשט פאר פרייד. מען באווארפט חתן־כלה מיט גערשטן־קערנער. עס ברעכט אויס ספאנטאן געזאנג און טענץ. מען זינגט:)

פרייט זיך קינדער פון יהודה,
זינגט א ניגון, מונטער, פריילעך!
היינט ווערט אויפגעשטעלט די נעמען:
פון מחלון, כליון, אלימלך.

דורות נייע, דורות שטאָלצע,
וועלן קומען אין ישראל.
בראַווע זין, און שיינע טעכטער —
ווי רויזן אינם שרון־טאָל.

פרייט זיך אַלע, זין און טעכטער,
סימן־טוב, און מזל טוב!
שלום, פרייד, אויך ברויט און פּאַשע,
זאָל ביי אידן זיין לרוב ! !
(אַלע טאַנצן.)

(פאָרהאַנג)

ראש השנה
(ניי יאָר)

פאַנטאַסטישע שפּיל

אין 1 אקט

פּערזאָנען:

2 — סעקונדן פון אַלטן יאָר

2 — מינוטן פון אַלטן יאָר

1 — שעה פון אַלטן יאָר

זיבן טעג

צוועלף חדשים

פרילינג

זומער

האַרבסט

ווינטער

פּסח

שבועות

סוכות

דאָס אַלטע יאָר

ראש השנה

אַ מאַמע

אַ אינגעלע

אַ מיידעלע

האַנדלונג: ערגעץ וואו

אָרט: אומבאַשטימט

(די בינע שטעלט פאַר אַ פאַנטאַסטישן פלאַץ ערגעץ וואו. ווי דורך אַ נעפּל זעען זיך אַרויס קאַנטורן פון דעכער. איבער זיי ווייזט זיך בוילעטער אַן אַלטער טורעם מיט אַ גרויסן זייגער.

די ווייזערס שטייען ביי האַלב צוועלף. די בינע איז באַלויכטן מיט אַ טונקל בלוי ליכט. פון גאַנץ ווייט הערט זיך אַ קלאַנג וואָס קלינגט אויס אַ רעקוויאום.

אויף דער בינע באַווייזן זיך די צוויי סעקונדן, די צוויי מינוטן און די לעצטע שעה פון אַלטן יאָר. זיי זינגען:)

וינט און רעגן,
שניי און שטורעם.
און דער זייגער אויפן טורעם
קלאַפּט:
טיק־טאַק, טיק־טאַק!
הענגט דער זייגער אויפן וואַנט
און ער קלאַפּט אויך נאָכאַנאַנד:
טיק־טאַק, טיק־טאַק!
אויך אין קעשענע דער זייגער
גייט און קלאַפּט זיך אויף זיין שטייגער:
טיק־טאַק, טיק־טאַק!
קלינגט דער זייגער שעה נאָך שעה,
דער מעת־לעת איז שוין נישטאָ.
חודש איין און חודש אויס
און דאָס יאָר איז שוין אויס!

1 סעקונדע (זאָגט):
שוועסטערלעך, זייער ווייניק איז אונדז נאָך —
געבליבן צום לעבן,
לאָמיר כאָטש צולעצט עפּעס גוטעס
די מענטשן געבן.

2 סעקונדע:
באַלד וועט שוין אָנקומען דאָס נייע יאָר,
פרייילעך וועלן אַלע זינגען אין כאָר.
מען זיך קושן, מען זיך ווינטשן:
לשנה טובה תכתבו!

ש ע ה:

צו דעם צוועלף דער ווייזער דעם זייגער ציט,
איך הער שוין קלאפן זיינע טריט,
עס גייט, עס קומט דאס נייע יאר
און פון אלטן — שוין קיין שפור.

1 מינוט:

האלט זיך פעסטער
ליבע שוועסטער,
ניט געוויינט און ניט געקלאגט.

2 מינוטן:

הערט נאר וואס דער שטורעם
בו־ו־ו! וואו־ו־ו! זאגט.

אלט יאר: (קומט אן, אלע בלייבן שטיל):

ניט מער ווי איין יאר געלעבט, טייערע קינדערלעך,
דאך, זעט ווי אלט און גרוי איך בין,
ניט פאר נחת טייערע,
אומעטום געוועזן — פונם ארימסטן קעלער
ביזן קיניגלעכן פאלאץ.
אין די ארימע קעלערם און בוידעם־שטיבלעך
גייט מען פאר הונגער אוים,
און אין די פאלאצן הוליעט מען
שווינדל, רויב און מארד — אומעטום
שפאצירן פראנק און פריי ארום,
און קעמפער פאר פרייהייט און גערעכטיקייט
ווערן צום טויט פארפייניקט.
גענוג געלעבט! איך גיי אוועק פון דער וועלט,
איך ווינטש מיין ברודער ניי יאר,
מער גליק און מער נחת ווי איך האב געהאט.
לשנה טובה תכתבו!

(כאר פון מינוטן און סעקונדן.)
באלד שלאגט די לעצטע שעה —
און מיר זיינען אויף דער וועלט ניטא.
לאמיר כאטש צולעצט זיך פריילעך מאכן,
זינגען, טאנצן, שטיפן, לאכן,
זאל אונדזער לעצטע שעה פארגיין —
ניט מיט טרערן און געוויין

נאָר מיט מוט, האָפענונג און גלויבן,
אַז דאָס נייע יאָר וועט זיך דערהויבן
צו גליק און מענטשן רעכט! (טאַנצן.)

2 מינוטן:
אויסגעטאַנצט ביזן לעצטן טראָפּן בלוט!
געבליבן איז צום לעבן ניט מער ווי אַ פּאָר מינוט.

שעה:
די ווייזערס פאַרענדיקן באַלד דאָס ציפערבלאַט דאָס רונדע
און עס שלאָגט די לעצטע שטונדע.

7 טעג (קומען אַריין):
גוטן אוונט, ברידער!
מיר האָבן געהערט פון וויטן אייערע לידער.
אַזוי ווי מיר זיינען קינדער פון איין מאַמען,
ווילן מיר מיט אייך צוזאַמען:
טאַנצן, זינגען,
און הויך זאָלן אונדזערע טענער קלינגען.
און ווינטשן אַלעמען לשנה טובה תכתבו! (פאַרנייגן זיך.)

12 חדשים (קומען):
גוטן אוונט, ברידער און שוועסטער!
מיר ווילן מאַכן אייער רינג אַ ביסל פעסטער.
כאָטש פאַרשידן — זיינער מיר איינער פונם צווייטן.
איינער האָט געבראַכט רעגן, שניי און שטורם,
דער צווייטער — גראָז און בלומען, פולע בייטן,
נאָר אַזוי ווי מיר אַלע שטאַמען
פון איין מאַמען,
טאָ לאָמיר ניט פאַרזאַמען אונדזער לעצטע שעה...
(ווינטער קומט) ברוך הבא, דער ווינטער איז דאָ!

ווינטער:
ווי מען הערט נאָר אַז איך קום,
בלייבט טויט דערשראָקן גראָז און בלום.
קום איך נאָר אין לאַנד צושפּאַנען,
נעמט אַלץ וועלקן, נעמט אַלץ וויאַנען.
אוי, דער קבצן, ער דערשרעקט זיך,
און די ערד מיט שניי באַדעקט זיך.
פון דעם הויכן באַרגן־קאָפּ,
גליטשן שליטנס זיך אַראָפּ,

און דער פראָסט די באַקן צינדט ער,
קינדער האָבן ליב דעםווינטער!
(פרילינג און זומער קומען.)

פ ר י ל י נ ג:
שטילער, שטילער, ליבער ברודער,
מאַך ניט אַזאַ גערודער
מיט דיין שטורעם מיט דיין שניי.
אמת, דו קענסט פייפן, ברומען,
קענסט צעשטערן גראָז און בלומען,
און די פעלדער טוסטו וויי.
אָט שטייען מיר פאַר אייך אַ צווילינג:
איינער זומער — איינער פרילינג.

ז ו מ ע ר:
פרילינג איז אַ גרויסער קינסטלער
ער קאָן מאָלן שיין און פּראַקטיק
זיינע פּענזלען זיינען מעכטיק.
דאָ אַ ריד, דאָ אַ שמיר,
אַ שטריכל גראָב — אַ שטריכל דין,
איין סעקונדע — אַלץ איז גרין.
גראָז און בלעטער, בלומען קווייטן —
מאָלט ער אַז אונדז פולע בייטן.

פ ר י ל י נ ג:
קומט נאָר אַז מיין ברודער זומער,
פאַרלירט דער קבצן באַלד זיין קומער
אַלע פעלדער פול מיט זאַנגען,
הענגען,— טרויבן פולע שטאַנגען,
און די טייכן מורמלען, רוישן —
רייפע פרוכטן פולע קוישן.
אַלע מענטשן טוען בענטשן —
דעם ליבן צווילינג:
זומער — פרילינג.

ה א ר ב ס ט (קומט אַריין):
שטילער, שטילער, שוועסטער מיינע,
כ'האָב צו אייך אַ גרויסע טענה!
קוקט זיך צו נאָר צו מיין פּנים,
אַזאַ יאָר אויף אַלע שונאים!

געל און טרוקן, מיד און בלאַס,
פּלאָנטער איך זיך איבער גאַס,
צווישן ווירבל, ווינט און רעגן,
קללות קומען מיר אַנטקעגן.
פון יעדער טיר, פון יעדן טויער
קריכן גלייך צו מיר אין אויער.
אַלע שרייען: בייזער הארבסט —
זע, ווי אַלעם דו פאַרדאַרבסט!

א ל ט י א ר:
שטילער, הערט וואָס טאַטע רעדט,
דער זייגער איז שוין זייער שפּעט.
באַלד וועלן אַלע — גלעקער קלינגען,
מענטשן וועלן פריילער זינגען,
טאַ לאָמיר זיך געזעגענען
און דאָס נייע יאָר באַגעגענען.
שטעלט זיך אַלע אַרום מיר...
(אַלע שטעלן זיך אין קרייזן, ער הייבט אויף די הענט און וויל זיי בענטשן. פּסח, שבועות און סוכות קומען אַריין, פאַרנויגן זיך.)

פּ ס ח:
זיי מיר מוחל ליבער גרייז,
וואָס פּסח קומט מיט שניי און אייז.
איך בין פּסח פון דיין יאָר —
פון דיין קאָפּ אַ גרויע האָר.
איך ווייס ניט וואָס ס'איז דאָ געשען!
משה דער באַפרייער
האָט מיך געהאַלטן זייער טייער,
געקומען איז איצט אַ דור אַ נייער,
זיי דאַרפן מער ניט קיין באַפרייער,
מען שקלאַפט פאַר זיך — מען שקלאַפט פאַר יענעם,
געוואָרן איז די וועלט אַ גיהנום,
פאַרשפּיגן און פאַרשוועכט
ליגט פרייהייט, גלייכהייט און מענטשנרעכט!
קיין יום טוב בין איך שוין ניט מער,
און אַזוי לעבן מיר איז שווער.
(אַלע שאָקלען מיט די קעפּ.)

ש ב ו ע ו ת:

אין אַ זומער־טאָג אַמאָל,
אין — אַ פֿאָלק געשטאַנען טיף אין טאָל,
אויפֿן שפּיץ באַרג געקוקט מיט שרעק און מורא
און געוואַרט אויף דער נייער תורה
וואָס משה האָט דעם פֿאָלק געגעבן.
ער האָט זיי געלערנט ווי צו לעבן,
ווי צו קעמפֿן, ווי צו שטאַרבן —
צו זיין אַ פֿאָלק מיט לייטן גלייך.
געוועזן בין איך אויך אַמאָל
פון תּבֿיאות־רייפקייט דער סימבאָל,
פון אייגן פעלד און גאָרטן —
בלומען, פּרוכטן אַלע סאָרטן!
שוין וויפיל טויזנט יאָרן,
אַז הענדלער איז מיין פֿאָלק געוואָרן!
מען האַנדלט טעג, מען האַנדלט נעכט.
פרייהייט, גלייכהייט, מענטשנרעכט
ליגט פֿאַרשפּיגן און פֿאַרשוועכט.
קיין יום טובֿ בין איך שוין ניט מער
און אַזוי לעבן איז מיר שווער.
(שאָקלען מיט די קעפּ.)

ס ו כ ו ת:

מיין שטאָלץ און מיין שיינקייט — געפֿאַלן,
דער באַשיצער פון הייסע שטראַלן —
בין איך פערציק יאָר אין מדבר געוועזן,
מילך־וויים האָבן די סוכות אויסגעזען —
אויף דעם ברייטן מדבר פלאַך.
געזען האָב איך וואונדער גאָר אַ סך
וואָס ס'איז געשען,
מיט מענטשן — אַ שקלאַפן פֿאָלק געוועזן,
אונטער דעם זוניק הייסן גלות
האָט מען אויסגעוואָרעמט דאָס שקלאַפן בלוט,
און זיך אָנגענומען מיט דרייסט און מוט,
און זיך געלאָזט וואַנדערן —
פון איין לאַנד צום אַנדערן,
און מיט וואָרט און שווערד
אויסגעקעמפט אַ שטיקל ערד —

וואו מען זאָל אומגעשטערט
קענען אַקערן און זייען
און מיט פרוכט פון אַרבעט
זיך קענען פרייען.
איצט ניטאָ פון מיין יום טוב שוין קיין זכר,
ערגעץ וואו שטייט נאָך אַ סוכה'לע מיט לעבער;
וואו סע זיצט אַן אַלטער יידע
און איך מיט אים — מיר ביידע
קלאָגן און זאָגן:
פאַרשפּיגן און פאַרשוועכט
ליגט פרייהייט, גלייכהייט, מענטשנרעכט.
קיין יום טוב בין איך שוין ניט מער
און אַזוי לעבן — איז מיר שווער!

אַלט יאָר:
הערט מיך, קינדערלעך געטרייע,
אַ וועלט איז איצטער גאָר אַ נייע —
גאָר ניט ווי אַמאָל.
אָבער איצט אויך פאַראַנען מענטשן — גייסטער
איינער פון דעם צווייטן דרייסטער,
און זייער וואָרט וואָס קומט פון מויל
איז הייסער ווי אַ פייער קויל!
פול מיט האָפענונג און מיט מוט,
מען קעמפט מיט וואָרט אַמאָל ביז בלוט.
און שוין ניט ווייט
איז די צייט,
וואָס פרייהייט, גלייכהייט און גערעכטיקייט
וועלן הערשן אין זייער פולער מעכטיקייט!
טאָ לאָמיר צוּוווינטשן דעם נייעם יאָר,
אַז פון דעם שלעכטן זאָל ניט בלייבן קיין שפור!
זאָגט אַלע לשנה טובה תכתבו.
(אַלע זאָגן דריי מאָל לשנה טובה תכתבו.)

(דער זייגער שלאָגט צוועלף, פון אַלע פיר זייטן טאַנצן אַריין פיר מלאכים, דריי ווייסע און איינער אַ שוואַרצער. ווען די מלאכים טאַנצן זאָגן אַלע: „ברוך הבא — ניי יאָר איז דאָ" עטלעכע מאָל ביז ניי יאָר קומט אַריין אָנגעטאָן אין ווייסן מיט אַ קרוין, אויף וועלכער ס'איז אָנגעשריבן „ניי יאָר", פאַרנויגט זיך און זאָגט):

צו אייך מיינע ליבע פריינט,
בין איך געקומען היינט —
איבערצוגעמען מיין טראַן,
און אייך באַווייזן וואָס איך קאָן.
איך זע צייכנס פון טרויער,
איך באַדויער —
וואָס איך דאַרף זיך שעמען
מיט דער ירושה וואָס איך טו איבערנעמען.
איך וויל גלויבן און האָפן,
אַז צום נייעם יאָר וועלן די מענטשן זיך באַזינען,
און אַ נייעם וועג געפינען,
און נעמען שפּינען אַ ניי לעבן פול מיט האָפענונג
און שטרעבן: צו דער אויפוואַכונג
פון מענטשלעכע פרייהייט און גלייכהייט!

אַ ל ע:
הוראַ פאַר ניי־יאָר! הוראַ, הוראַ.
(אַלע שטעלן זיך אוים האַרט באַ דער וואַנט, ניי־יאָר באַם זייגער.
טעג, וואָכן, מינוטן, צייטן פון יאָר, יום טובים שטעלן זיך לויט דער רייע.
אַ מאַמע קומט מיט אַ אינגעלע און אַ מיידעלע.)

מ אַ מ ע:
ניי יאָר, קינדער, איז געקומען! לשנה טובה תכתבו! לאָמיר האָפן, אַז דאָס ניי־יאָר וועט אונדז ברענגען מער גליק און נחת ווי ביז איצט.

מ י י ד ע ל ע:
מאַמעניו, איך וועל ליב האָבן אַלע הונגעריקע און אָרימע, איך וועל זיי געבן עסן. אַלע פייגעלעך, אַלע קעצעלעך און הינטעלעך וועל איך אויך געבן עסן, און קיינעם קיין שלעכטס ניט טאָן, און דיך — וועל איך שטאַרק ליב האָבן.

א י נ ג ע ל ע:
און איך וועל חנה'לען העלפן, אַז קיינער זאָל מער קיין שלעכטס ניט טאָן, און איך וועל זיין זייער און זייער גוט. אַ־יאָ, מאַמע? (מאַמע טוליעט די קינדער צו זיך און זאָגט:) יאָ קינדערלעך. (כאָר זינגט ליד מיט מאָטיוו פון שטערנדלעך:)
מעכטיק קלינגען שיינע טענער
פון דעם גרויסן מענטשן־כאָר,

און מען ווינטשט זיך, איינס דעם צווייטן:
גליק און פרייד צום נייעם יאָר,
צום נייעם יאָר, צום נייעם יאָר!
גליק און פרייד צום נייעם יאָר!!

פרייהייט, גלייכהייט, מענטשן־ליבע
זאָל איצט הערשן אויף דער וואָר.
לאָמיר ווינטשן איינס דעם צווייטן
געזונט און אַרבעט צום נייעם יאָר,
צום נייעם יאָר, צום נייעם יאָר!
געזונט און אַרבעט צום נייעם יאָר!

(פאָרהאַנג)

דער הינער-שטרייק

פון שלום עליכם

דראַמאַטיזירט פון

א. פראוואטינער

אין 1 אַקט מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג

אנטיילנעמער:

ע ר ש ט ע ר ה א ן — א גרויסער, א גאַלאַגאַנער, מיט ברוינע פעדערן.

צ ו ו י י ט ע ר ה א ן — א גרויסער, א גאַלאַגאַנער, א ווייסער מיט באַגילדטע פליגל.

ד ר י ט ע ר ה א ן — אַ גרויסער, אַ גאַלאַגאַנער, א שוואַרצער מיט א ראַבן האַלדז.

הענער, הינער פון אַלערליי איינצלנע פאַרבן און געשפּריצטע. קאַטשקעס, גענדז, אַן אינדיק, רב, גבאי, שוחט, דיין, שמש, יידן, יידענעס און קינדער. צוויי מיידעלעך: אסתר׳ל און פלעסטערל.

(אָרט פון האַנדלונג: ערגעץ־וואו אין אַ וואַלד אין אַ קליין יידיש שטעטל.)

(איידער דער פאָרהאַנג גייט אויף — אָוועטוירע. דער גרונט־מאָטיוו מוז זיין פון ימים־נוראים׳דיקע סקאַרבאָווע ניגונים, געזונגענע אויף דעם אַשכנזישן שטייגער. מיטן לעצטן אַקאָרד פון דער אָוועטוירע גייט אויף דער פאָרהאַנג.)

פּראָלאָג

(אויף דעם פאָדערגרונט, ניט מער ווי אויף צוויי פלאַן, איז אַראָפּגעלאָזט אַ דעקאָראַציע, וואָס שטעלט פאָר די שול־גאַס פון אַ קליין יידיש שטעטל. אַ גרויסע אַלטע שול מיט אַ שטאַרק משופּעדיקן דאַך מיט גרויע אָפּגעשלאָגענע ווענט, פון וועלכע ס׳קוקן אַרויס גרויסע גאָטישע פאַרשיידנפאַרביקע געשויבטע פענצטער. אויף דער טיר, וואָס געפינט זיך אין דער מערב־וואַנט, איז אויפגעשריבן פאָלגנדיקער אויפשריפט: „מה נורא המקום הזה. אין זה כי אם בית אלהים.״ אַרום שול שטייען צעוואָרפן אַ סך יידישע הייזער מיט פאַרוואַקסענע שינדל־דעכער. צווישן די הייזער קוקט אַרויס דאָס בית־דין שטיבל מיט דעם אויפשריפט אויף דער טיר: „בית דין צדק״ אין אַ האַלבן צירקל, די צווייטע שורה גלייך: „החיים והמות ביד הלשון.״ טיפער אין הינטערגרונגט זעט זיך דער שטאָט־ברונעם מיט אַ גרויסער ראָד, פון וועלכער סע שלעפּט זיך אַ קייט מיט צוויי גרויסע עמערס, לעבן וועלכע ס׳געפינט זיך אַ קאָרעטע אויף „פּאָיען״ פערד.

גאַנץ ווייט אין דער פּערספּעקטיוו פון הינטערגרונט זעט זיך אַ הויכער באַרג אויף וועלכן סע שטייט דער שטאָט־קלויסטער מיט אַ פרישבאַפאַרבטן גרינעם דאַך מיט נאָר וואָס פון דאָס ניי באַגולטע צלמים אויף די פינף טורעם־קופּאָלן, פון וועלכע דער פינפטער, דער גרעסטער, קוקט אַראָפּ אויפן שטעטל מעשה־באַלעבאָס. פון הינטער די קוליסן הערט זיך אַ געפּילדער פון אַלערליי עופות. זיי מאַרשירן אריין אויף פאָלגנדן אופן: דער ברוינער גאַלאַגאַנער האָן צוערשט, נאָך אים — דער ווייסער און שוואַרצער האָן. נאָך זיי — די איבעריקע הענער און הינער צו פיר אין אַ שורה. נאָך זיי — די גענדז און די קאַטשקעס. גאָר צו לעצט גייט דער אינדיק. שטאַרק אָנגעבלאָזן און האַלדערט. מאַרשירנדיק זינגען זיי):

מיר מאַרשירן, מיר מאַרשירן אַלע איצט אין וואַלד,
קוואַ, קוואַ, — קוואַ אַלע איצט אין וואַלד.
גענוג געוועזן, גענוג געוועזן אין שטאָט ביז איצט אויף צרות:
קוואַ, קוואַ, קוואַ, אין שטאָט ביז איצט אויף צרות!
מיר שטרייקן איצט, מיר שטרייקן איצט, קעגן שלעכטע מענטשן,
קוואַ, קוואַ, קוואַ, קעגן שלעכטע מענטשן!
אין דעם וואַלד, אין דעם וואַלד, נ׳מיר לעבן ווי די שררות,
קוואַ, קוואַ, קוואַ, נ׳מיר לעבן ווי די שררות.
אַלע מענטשן, אַלע מענטשן, דאַרפן מיר אויף כפּרות.
קוואַ, קוואַ, קוואַ, דאַרפן מיר אויף כפּרות.

(עס דערהערט זיך אַ געלאָף, דער עופות מאַרש ווערט פאַרשוואונדן. די מוזיק רייסט איבער, אויף דער בינע באַווייזט זיך אסתרל, אַ ווייַנענדיקע. זי בלייבט שטיין און ווענדעט זיך צום פּובליקום:)

א ס ת ר ל : זאָגט מיר, איך בעט אייך, אפשר האָט איר דאָ געזען אַ ווייסע הון מיט אַן אַפּקעהאַקטן עק, מיט אַ גרין־באַפאַרבטן פליגל און מיט אַ רויט בענדל אויפן פיסל? אַזאַ שיינע „כפּרה"! גע־האַדעוועט און געהאָדעוועט, איצט איז זי ניט געבליבן און איך וועל ניט האָבן, מיט וואָס צו שלאָגן כפּרות! (זי וויינט.)

פ ל ע ס ט ע ר ל : (קומט פון דער צווייטער זייט) וואָס וויינסטו, אסתרל? (זי שווייגט) אין מיטן גאַס וויינען! פע, שעם זיך, אסתרל!

א ס ת ר ל : (בייז) גיי אוועק, פלעסטערל!

פ ל ע ס ט ע ר ל : זאָג, אפשר קען איך דיר מיט וואָס העלפן?

א ס ת ר ל : (פּלאַצט אויס מיט אַ שטאַרקן געוויין) מיין כפּרה איז אַוועק!

פ ל ע ס ט ע ר ל : כאַ־כאַ־כאַ! טו דאַרף מען וויינען? דו ביסט ניט איינע, ביי אַלעמען זיינען די כפּרות אוועק.

א ס ת ר : גוט איז דיר, אַז דו ביסט איינע אַ בת־יחיד'קעלע, איז ביי דיר אוועק נאָר איין כפּרה. ביי אונדז זיינען דאָך אָבער אוועק צען כפּרות.

פ ל ע ס ט ע ר ל : און ווי איז מיין טאַטע־מאַמע? זיי רע־כענסטו גאַרניט?

א ס ת ר ל : דיין טאַטע שלאָגט דען אויך כפּרות? ער גייט דאָך אין אַ געגאָגלטער באָרד?

פ ל ע ס ט ע ר ל : מיין טאַטע זאָגט, אַז פון שלאָגן כפּרות האַלט ער ניט, אָבער פון עסן כפּרות, יאָ! קום, נאַרעלע, וועל איך דיר ווייזן, וואו די כפּרות זיינען, קום!

א ס ת ר ל : וואו זיינען זיי? (לאָזן זיך גיין).

פ ל ע ס ט ע ר ל : אין וואַלד זיינען זיי אַלע אוועק. זיי ווילן מער קיין כפּרות ניט זיין. די גאַנצע שטאָט איז שוין אוועק אַהינצו. (גיין אָפּ)

(ס'קומט אָן אַ מחנה ווייבער מיט זיפּן און זעקלאַך אין די הענט).

י אַ כ נ ע : ווער האָט זיך געזאָלט ריכטן אויף אַזאַ אומגליק? אויף דער גאַרער וועלט איז דאָס נאָך ניט געהערט געוואָרן.

ד אַ ב ע : נו, נו, פּליצקע־דרינעז, זיי אַ קלוגע און טרעף! ווען איך זאָל געוועז וויסן פריער, וואָלט איך זיי אריינגעזעצט אין אַ שטייג, וואָס ווען זיי זאָלן אפילו זיין מיט צען קעפּ, וואָלטן זיי ניט אַרויס־געקראָכן.

מ י ר ק ע : יאָ, אַ שיינע מעשה, נאָר אַ קורצע: אַ פינצטערער חלום זאָל אויסגיין צו זייערע קעפּ!

ב ר י י נ ע : אַזאַ מעשה טרעפט זיך איינמאָל אין טויזנט יאָר.

צ י ר ל : אונדזערע אבות אבותינו האָבן פון אַזאַ אומגליק ניט געוואוסט! אַז די כפּרה זאָלן געוועז ווערן אַלע כפרות, איידער מיר האָבן זיי דערקענט!

ט אַ ל צ ע : נו, נו, אַ באַשרייבונג, אויף מיין וואָרט! אַ שטראָף פון זיין ליבן נאָמען, ניט אַנדערש! נאַ דיר גאָר כפּרות אויף מיין קאָפּ!

נ ע כ ע : אַן אַפּקומעניש פאַר מיינע זינד זאָל עס זיי, טאַטע זיסער!

מ אַ כ ל ע : זיי האָבן דאָך מיר אַלע „טאַפּליעס" אויסגע־שלאָגן און אַנטלאָפן. אַ חורבן האָבן זיי דאָך מיר אין שטוב אָנגע־מאַכט!

י אַ כ נ ע : וואָס טראָגסטו עפּעס אין „פּעלענע," דאַבע?

ד אַ ב ע : אַ „כוואָראַבע" טראָג איך פאַר מיינע עופות וועגן, אַ ביסל „רעטשקע."

ו ו י כ נ ע : וואָס טראָגסטו עפּעס, דוואָסיע?

ד ו ו אָ ס י ע : אַ ביסל פּראָסע. אַז פּראָסען זאָל זיי אין האַרצן און אין מוח ווי מיר, טאַטע זיסער!

ד אַ ב ע : זאָל מיין מאַן כוח האָבן דיכן אויף דער וועלט, ווי איך האָב כוח גיין אין וואַלד אַריין זיך יאָגן נאָך די כפּרות.

ק י י ל ע : צו וואָס, דאַבע, שעלטן ערב יום־כפּור?

ד אַ ב ע : אַז אַך און ווי איז מיר! איך שעלט? דאָס מויל שעלט, אַ קלייניגקייט 9 שטיקלעך עופות!

צ י פּ ע : און טאַקע צוריק גערעדט, קראַנק זיינען די מענער צו גיין אין וואַלד און זיך יאָגן נאָך די כפּרות! קאַרג אַנדערע אַר־בעט איז דאָ אין דער היים.

ב י י ל ע : ניין, ציפּע, דאָס איז אַ ווייבערשע אַרבעט, דערויף זיינען מיר דאָך די באַלעבאַסטעס.

נ ע כ ע : קומט שוין גיכער, ווייבער! איר וועט זיך דאַ ארומ־ רייסן, און די עופות וועלן, פאַרקריכן אונטער די הרי חושך! נאָכדעם וועלן מיר האָבן אַן ארבעט זיי גיין זוכן.

א ל ע : קומט שוין, קומט! גערעכט, גערעכט! קומט גיכער!

(די ווייבער פאַרשווינדן די מוזיק שלאָגט אַן אַן אַקאָרד. דער פּראָלאָג־פאָרהאַנג גייט אויף).

ערשטער אַקט

(אַ געדיכטער וואַלד, אַן אויסגעהאַקט ווינקל מיט אויסגעקאָרטשעטע וואָרצלען. אויף דער ערד וואַלגערן זיך אויסגעהאַקטע ביימער מיט ניט צעזעגטע שטאַמען. בײַ דער רעכטער זייט ליגן אויסגעלייגט קלאָפּטער האָלץ, געגרייטע ארויסצופירן. אין דער לינקער זייט ביים אויסגעהאַקטן ווינקל זעט זיך אַרויס אַן אָפן פעלד מיט צעבויפגעלייגטע סטיגלעך, היי און תבואה. אַ קאַלטע האַרבסט־זון רייסט זיך פון פעלד און באַגאָלדיקט די רויטע דעמבן־קרוינען און אַראָפּגעלאָזטע נאָדל־שפּיצן פון די נאָדל־ביימער. אין אַ האַלבן קרייז שטייט אַ מחנה עופות פון הענער, הינער, גענדז, קאַטשקעס און אַן אינדיק. אין מיטן—דער ברוינער גאַלאַגאַנער האָן.)

כאָר פון הינער און הענער:

א לויב־ליד מיר זינגען צום גאַלאַגאַן־ליבן האָן,
פאַר דער וויכטיקער ארבעט, וואָס ער האָט געטאָן
ער בלייבט אונדזער פירער, ער איז אונדזער העלד,
ער האָט אונדז געשענקט אָט דעם וואַלד און דאָס פעלד.

מיר זיינען איצט פרייע ווי פייגל אין לופט!
זיין קלינגענדיק קול צו פרייהייט אונדז רופט,
ביי הימלען די בלויע — מיר שווערן! מיר שווערן! —
אין שטאָט צו די מענטשן זיך קיינמאָל אומקערן.

(גאַלאַגאַנער האָן פאַרנויגט זיך שטאָלץ. די ברויגז׳דיקע גענדז און קאַטשקעס גאָגאָטשען און קוואַקען. דער אינדיק בייזערט זיך און בלאָזט זיך און שרייט: „האַלט דיר! האַלט!״

ס אָ ל אָ פ ו ן א י נ ד י ק :

האַלט דיר, האַלט דיר, שוינעץ איינער!
כ׳וועל צעברעכן דיינע ביינער;

דו שטאָלצירסט דאָך נאַר מיט דעם,
ווייל האָסט ווייבער — אַ האַרעם.

ס'איז אַ חרפּה, ס'איז אַ שאַנד:
אַז איך, אַ קינד פון אינדיע־לאַנד,
געפּוצט מיט קרעלן ווי אַ שררה,
זאָל ריידן מיט אַ האָן — וואָס טויג אויף אַ כּפּרה.

כאָר פון הענער און הינער:
קוואַ, קוואַ, דו גראָבער פּוז,
דו האָסט אַ רויטע שיכור נאָז,
יאָ, יאָ, אַ שיכור נאָז,
יאָ, יאָ, אַ שיכור נאָז.

סאָלאָ פונם ברוינעם גאָלאַנאַנער האָן:
קו—קאַ—רי—קו, לאַנגע נאָז!
מע'ט דיך פּאַקן ווי אַ האָז,
מ'עט דיך בינדן, מ'עט דיך שלאָגן,
מ'עט דיך לייגן אין אַ וואָגן,
מ'עט דיך מוטשען אַז אַ סוף,
מ'עט דיך קוילען ווי איין עוף! . . .

קו—קאַריקו, לאַנגע נאָז!
מ'האָט געשטאָפּט דיך אַז אַ מאָס
מיט די בעסטע זיסע זאַכן,
מע זאָל קענען פון דיר מאַכן —
אַ געבראָטנס מיט אַ קראָפּ,
פּעטע יויך אַ פולן טאָפּ.

כאָר פון הענער און הינער:
יאָ, יאָ, יאָ, פּעטע יויך אַ פולן טאָפּ,
פון דיין גראָבן פעטן קראָפּ;
יאָ, יאָ, יאָ, פּעטע יויך אַ פולן טאָפּ
פון דיין גראָבן פעטן קראָפּ.

ווייסער האָן: זיי אויף צעפּיקעניש לאָמיר גאָר טאַנצן אַ פריילעכס!

אַלע הענער און הינער: אַ פריילעכס, אַ פריילעכס!

(מוזיק שפּילט, זיי טאַנצן; גענדז, קאַטשקעס און אינדיק רוקן זיך אָפּ אָן אַ זייט ברוגזע. די גאַנערס רייסן מיט די פּיסקעס די טאַנצענדיקע

פאַר די עקן. דער אינדיק בלאָזט זיך און שרייט: „האַלט דיר! האַלט דיר!" ווען זיי פאַרענדיקן דעם טאַנץ, טוט דער ברוינער האָן אַ פּאַטש מיט די פליגל און שרייט אויס: „קוקירעקו!" אַלע הייבן זיך אָן שפּאַרן צום אויבן־אָן, מיט געשלעג ווערן פאַרכאַפּט די ליגנדיקע שטאַמען פון די בוי־מער; יעדער זעט צו זיין וואָס העכער. דער ברוינער האָן שטעלט זיך אַרויף אויף אַ הויך־אָפּגעשניטענעם „פּיען" און הייבט אָן ריידן.)

ב ר ו י נ ע ר ה אָ ן : הערט צו, מיינע פריינד, וואָס איך וויל אייך איצט זאָגן: אייך איז באַוואוסט דער שענדלעכער מנהג פון די באַלעבאַטים. אַלע יאָר, אַז ס'קומט אין דער צייט, פאַלט אָן אויף זיי און זייערע ווייבער עפּעס אַ שרעק, דער שוואַרצער יאָר ווייסט זיי. זיי כאַפּן אונדז פון די „סעדעלעס," שלעפּן אונדז אַרויס איינציקווייז פון די שטייגן, בינדן אונדז און דרייען אונדז איבערן קאָפּ, בעבען עפּעס פון סידור, דער רוח ווייסט זיי וואָס, און טוען אונדז אַ שליי־דער אונטערן טיש. און נאָכדעם טראָגן זיי אונדז אַוועק צום שוחט און דאָרט מאַכט ער אונדז די שפּיל... ביי זיי ווערט עס אָנגערופן „כפּרות"... ברידער, ביז ווי לאַנג נאָך וועלן מיר שווייגן? ציים מיר יאָלן מאַכן אַ סוף צו דער שענדלעכער זאַך, וואָס רופט זיך „כפּרות." לאָמיר זיך שטעלן אַנטקעגן איינמאָל פאַר אַלעמאָל: וואָס איר ווילט טוט מיט אונדז, נאָר קיין כפּרות וועלן מיר ביי אייך ניט זיין: אויס כפּרות!

אַ ל ע : קאַ, קאַ, קאַ! אויס כפּרות אויס כפּרות! (ברוינער האָן פאַרנייגט זיך).

ו ו י י ס ע ר ה אָ ן ; (שפּרינגט אַרויף אויף אַ שטאָם און זאָגט) קוקאַריקו! געדענקט זשע, געטרייע ברידער און ליבע שוועסטער! איין זאַך וואָלט איך געוואָלט וויסן, צי איר זייט באַוואָרנט אין זיך, אַז איר וועט ביישטיין קעגן דעם שווערן קאַמף? צי וועט איר זיך ניט לאָזן פירן אין באָד אריין? מע וועט זיכער קומען אייך „פאַרלייגן" פּראָסע אָדער הירזש, און איך קען דאָך אייך, פרעסערס, אַז פאַר אַ ביסל פּראָסע אָדער אַ הירזשל וועט איר אַוועקגעבן דריי שאָק אייער.

אַ ל ע : קאַ, קאַ, קאַ, חס ושלום! מע זאָל אונדז אפילו געבן גאָלד! קאַ, קאַ, קאַ!

ש ו ו אַ ר צ ע ר ה אָ ן : איך האָב אויך אַ וואָרט! געדענקט זשע נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, איר זאָלט זיך האַלטן שטאָל און אייזן! און טאָמער וועט מען אייך וועלן כאַפּן; זאָלט איר זיך ניט לאָזן. די אויגן זאָלט איר זיי אויסדראַפּען! איר זאָלט זיך ניט לאָזן, איר הערט? אַן עק! אַ סוף! אויס כפּרות!

אַ ל ע : קאַ, קאַ, קאַ, אוים כּפּרות! אוים כּפּרות!

ב ר ו י נ ע ר ה א ז : לכּבוד דעם נייעם באַשלום, לאָמיר עפּעס זינגען!

אַ ל ע : יאָ, זינגען און טאַנצן!

(מוזיק שלאָגט אָן אַ קאַרד.)

כ אָ ר פ ו ן ה ע נ ע ר א ו ן ה י נ ע ר :

אויפן אָרט פון קאַטוכעס, שטייגן,
האָבן מיר איצטער — ביימער־צווייגן.
פרייע זיינען מיר איצט געוואָרן,
מיר האָבן פעלדער פול מיט קאָרן!

כ אָ ר פ ו ן ג ע נ ד ז :

גאָר, גאָר, גאָר, גאָר!
איר מיינט דער פויער איז אַ נאַר,
איר מעגט אין קאָרן שוין פאַרגעסן,
ווערים, ווערים וועט איר עסן!

כ אָ ר פ ו ן ה י נ ע ר :

שווייגט, באַרימערלעך פּויזאַטע!
מיר הערן אַלע אייך אין פּיאַטע!
אַבי מיר זיינען פריי און שוין!
דאָס איז אונדזער בעסטער לוין.

א י י נ י ק ע ה ע נ ע ר ־ ק ו ל ו ת : זיי אויף צופּיקעניש לאָמיר טאַנצן און פריילעך זיין.

(זיי לאָזן זיך טאַנצן; גענדז, קאַטשקעס און אינדיק פּילדערן און ליאַרעמען. מיטאַמאָל דערהערן זיך מענטשן־טריט. זיי אַלע בלייבן צעטומלטע שטיין, אייניקע צעפליען זיך אויף די אָפּגעהאַקטע ביימער־שטאַמען און קוקן מיט נייגעריקייט צום אָרט, פון וואַנען די טריט הערן זיך. ס'ווייזט זיך אַ מהנה ווייבער מיט זיפּן אין די הענט. זיי קומען צו אַלץ נעענטער אויף די שפּיץ פינגער, זעצן זיך אַראָפּ נידעריקער און שיטן הירזש מיט פּראָסע.)

ד אַ ב ע : ציפּ, ציפּ, ציפּ, ציפּ, ציפּ!

ד ו ו אָ ס י ע : טיו, טיו, טיו!

ב ר י י נ ע : סילאַ, סילאַ, סילאַ!

(די עופות לאָזן זיך צוגיין נעענטער און נעמען זיך צום פּיקן. די ווייבער באַפאַלן זיי מיט די זיפּן און זעק. ס'פאַרבינדט זיך אַ געראַנגעל צווישן די ווייבער און עופות. די גאַלאַגאַנער הענער שפּרינגען זיי אין די פּנימער, ס'באַווייזן זיך סימנים פון בלוט. דער גאַנצער וואַלד ווערט פול מיט

איבערגעמישטע קולות פון עופות און ווייבער. צולעצט לאָזן זיך די צע־שלאָגענע ווייבער צום אויסגעהאַקטן ווינקל, וואו ס׳געפינט זיך דער וועג אין שטאָט אריין. די עופות גלייבן אויס די צעשויבערטע פעדערן און קוואַקען אַ טריאומף־קוואַקעריי.

ד אַ ב ע : האסט געהערט? נו, נו! אַז די כפרה זאָלן ווערן אַלע מענער מיט די כפרות אינאיינעם, אַ קאַליקע בין איך דאָך געוואָרן!

ד ו ו אַ ס י ע : אוי, מיין אויג! מיין אויג! יידישע טעכטער, ראַטעוועט! איך ווער בלינד!

— אַ אומגילק!

— אַ צרה!

— אַ שלאַק!

— וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?

— אויף דער גאָרער וועלט פאַרלויפט זיך ניט אַזעלכעס!

— נו, נו, האָסטו געהערט אַזעלכעס!

(אין אָפּגעהאַקטן ווינקל באַווייזן זיך מענער מיט שטעקלעך אין די הענט. זיי דערזעען די צעשלאָגענע ווייבער און כאַפּן זיך פאַר די זייטן פון געלעכטער.)

ק ל מ ן : כאַ, כאַ, כאַ — ווייבער, איר זייט דאָך ערגער פון די עופות, כ׳לעבן!

ז ל מ ן : האָט איר געהערט אַמאָל, אַז אַן עוף זאָל בייקומען אַ מענטשן? טפשות!

אַ ל ע מ ע נ ע ר : כאַ, כאַ־כאַ־כאַ!

ד אַ ב ע : ווייסט איר וואָס? אַז איר זייט יאָ אַזעלכע בריות, טאָ האַלט אַליין מלחמה מיט די עופות! באַווייזט שוין איר אַליין אייער בריהשאַפט.

ב ר ו ך : און מירן אייך באַווייזן. גיי שוין אַהיים און וואַש זיך אָרום און מאַך צורעכט דעם שלומפּער דיינעם.

ד ו ו אַ ס י ע : אַז פאַרשלומפּערט זאָלסטו שוין ווערן, טאַטע זיסער!

(די ווייבער פאַרשווינדן מיט אַ קרעכצעריי און קללות.)

ז ר ח : נו, חברה מאַנסבילן, לאָמיר באַווייזן וואָס מיר קענען! מיר זיינען דאָך נישט קיין ווייבער. מאַנסבילן האָבן אין זיך גאָר אַן אַנדער כוח. מאַנספאַרשוינען, צו דער אַרבעט!

ב ר ו ך : אויב ניט, מעגן מיר זיך שוין אָפּזעגענען מיטן לעבן. קיין לעבעדיקע אַהיים וועלן מיר זיך ניט טאָרן ווייזן.

(די מענער נעמען זיך פֿאַרגנבֿענען שטילערהייט הינטן־אַרום פֿון יענער זייט עופֿות און נעמען מיט די שטעקלעך זיי טרייבן.)

אַ ל ע מ ע נ ע ר : קיש — קיש — קיש , אהיים! קיש — קיש — קיש, קיש, קיש!

(די עופֿות לאָזן זיך אַרויסגיין אויף אַ גרעסערן פּלאַץ, ס'זאָל זיי זיין באַקוועמער צו פֿירן דעם קאַמף. ווען זיי דערפֿילן שוין די יידן מיט די שטעקלעך נאָענט לעבן זיי. נעמען די עופֿות שפּרינגען גלייך אין פּנים אריין, פּיקן אין די פּיאַטעס, רייסן די קאַפּאָטעס און פֿליקן די בערד. ס'ווערט אַ געקרייעריי, קוואַקעריי, און פּישטשעריי איבערגעמישט מיט מענער־קולות. שטעקנס און הענט פּאַכן אין דער לופֿט. אַן אמתע מלחמה. מיטאַמאָל וואַרפֿן די מענער אַוועק זייערע שטעקלעך און נעמען זיך לויפֿן מיט מורא'דיקע געשרייען.)

ע ר ש ט ע ר : אַ באַק האָבן זיי מיר צעלעכערט! די באַקציינער זעען זיך אַרויס.

צ ו ו י י ט ע ר : אַ שטיק נאָז האָבן זיי מיר אָפּגעריסן.

ד ר י ט ע ר : אוי, מיין אויג האָבן זיי מיר אויסגעפּיקט!

אַ פּ ר ו י : (קריכט אַרויס פֿון אונטער אַ בוים, וואו זי איז געשטאַנען די גאַנצע צייט פֿאַרבאַהאַלטן) נו, פֿאַרוואָס לאַכט איר ניט אצינד? בריות! איר האָט דאָך געשריען, אַז איר זייט מאַנסבילן, זכרים, מאַנספֿאַרשוינען.

(אין הינטערגרונט באַווייזט זיך דער רבֿ מיט די דיינים, שוחטים, חזן, שמשים, נגידים; גאָר פֿון הינטן — אַ מחנה ווייבער מיט פֿאַרבונדענע באַקן און שטערנס.)

פֿ י נ פֿ ט ע ר : שטילער! קהל גייט אהער! (קהל גייט נעענטער.)

ר ב : נו וואָס הערט זיך?

ע ר ש ט ע ר : (ווייזנדיק אויף זיין פּנים) איר זעט דען ניט, וואָס, ס'הערט זיך? איינמאָל ניין! מע קען זיי ניט בייקומען!

ר ב : דאָס זיינען מיר, די דעפּוטאַציע, געקומען צו זיי, מיר ווילן זיי פֿרעגן מיט גוטן: וואָס ווילן זיי?

ש ו ח ט : אַ פּאַטעפּאַלנאַסט פֿון עופֿות! נו, נו, מיט גוטן גאָר! (כאַפּט זיך צום חלף).

אַ ל ע : ניין, ניין, נאָר מיט גוטן! רבי, רעדט! קומט צו נעענטער.

(מע גייט צו נעענטער צו די עופֿות, דער רבֿ רוקט זיך אַרויס צוערשט און הייבט אָן ריידן. די עופֿות שטייען צעשוויבערטע, אָבער מיט אָפּשיי און הערן זיך צו.)

ר ב : הערט אויס, עופות! זאָגט וואָסווילט איר! זאָגט, מיר הערן אייך מיט קאָפּ און אויב אייער פאַרלאַנג איז נאָר מיט אַ גאַנג, וועלן מיר נאָכגעבן (אַ שטאַרקער געפילדער צווישן די עופות) ווייסט איר וואָס, עופות? פון אייער שרייען, וואָס איר שרייט אַלע איינינעם, ווער קיין גוטס ניט אַרויסקומען, קלייבט אויס פון זיך אַ דעפּוטאַציע, נאָר עפּעס פיינע, ליטישע עופות, ס'זאָל זיין, מיט וועמען צו ריידן אַ וואָרט. געפינט זיך ניט ביי אייך אַ פּאָר אינדיקעס, גענדז אָדער קאַטשקעס?

א י נ ד י ק : (רוקט זיך אַרויס) האָלדער! האָלדער! האָלדער!

ג אַ נ ע ר : (מיט אַ מחנה גענדז) גאַ, גאַ, גאַ!

ק אַ ט ש ק ע ס : (קאַטשען זיך אַרויס נעענטער) קוואַ, קוואַ, קוואַ!

(מיטאַמאָל שפּרינגט אַרויס דער ברוינער האָן און שרייט אויס.)

ב ר ו י נ ע ר ה אָ ן : הערט אויס, הענער און הינער! אויב איר ווילט, אַז מע זאָל אייך פאַרקויפן פאַר אַ זשמעניע האָבער, זאָלט איר זיך איבערגעבן אין די הענט פון די דאָזיקע אָנגעבלאָזענע מחותנים—די אינדיקעס, אָדער צו די מיוחסים די גענדז, וואָס זייערע עלטער־זיידעס האָבן אַמאָל אָפּגעראַטעוועט די שטאָט רוים, אָדער צו די פרעסערינס און רכילות'ניצעס, די קאַטשקעס. מיט זיי שלאָגט מען קיין כפרות ניט — טאָרן זיי זיך ניט מישן! עופות זיינען מיר! כפרות שלאָגט מען מיט אונדז: באַדאַרף מען אונדז אויסקלייבן פאַר דע־פּוטאַטן!

אַ ל ע ע ו פ ו ת : (אין איין קול) אמת, אמת! ווי מיר זיינען הינער!

(אַ געפילדער צווישן די עופות, און ס'קומען אַרויס דריי גאַלאַגאַ־נער הענער מיט אַ פּאָר יונגע האָנעבלע', גרויסע שרייערס מיט יונגע קולכעלעך; די עופות־דעפּוטאַציע קומט אַרויס נעענטער צום רב.)

ר ב : (מיט דער האַנט אויפן שטערן און האַלט פאַרמאַכט די אויגן) זאָגט, וואָס ווילט איר, הינער?

ב ר ו י נ ע ר ה אָ ן : וואָס זאָלן מיר וועלן? מיר ווילן נישט זיין פאַר אייך די כפרה, מיר גיבן אייך אונדזער פלייש, אונדזערע פעדערן, אַלץ וואָס איר ווילט, נאָר קיין כפרות זאָלט איר מיט אונדז נישט שלאָגן.

ש ו ח ט : סטייטש, מיר זיינען דאָך עפּעס יידן. מיר מוזן דאָך שלאָגן כפרות!

אלע דריי הענער: אזוי גאָר? וואו שטייט עס געשריבן?

(געררודער צווישן די באַלעבאַטים.)

עטלאכע באַלעבאַטים: רבי, פּסקנט אַ שאלה! ענטפערט רבי!

רב: (פאַרמוטשט) הם . . . וואו ס'שטייט געשריבן? וואָס איז שייך? הם... וואָס איז אייער עסק, וואו ס'שטייט געשריבן? ס'איז ביי אונדז אַן אַלטער מנהג פון לאַנגע יאָרן. מאַדנע עופות וואָס איר זיינט! אַז מען קוילעט אייך און מען בראָט אייך, און מען עסט אייך, איז אייך גרינגער? וואָס אַרט אייך, אַז יידן פאַרדינען מיט אייך אַ מצוה?

די יונגע הענדלעד: ס'איז פאַראַן ביי אייך זעקס הונדערט דרייצן מצות.

דריי דיינים: און דאָס, וואָס מע זאָגט מיט אייך דריי מאָל „בני אָדם,‟ איז ביי אייך גאָרנישט?

ווייסער האָן: איר זאָלט אַזוי ווייסן פון געבראָטנס, ווי מיר ווייסן, וואָס ביי אייך אין „בני אָדם‟ טוט זיך!

עטליכע נגידים: יידן, הערט אַ חוצפּה פון שקצים.

רב: שטילער, יידן! און די ברכה, וואָס דער שוחט מאַכט אויף אייך?

שוואַרצער האָן: זאָל ער בעסער מאַכן אַ ברכה אויף אַ דונער.

חזן: און דאָס, וואָס יידישע קינדער פאַרפאַסטן זיך און פאַסטן אָפּ מיט אייך נאָך אַזאַ הייליקן תענית ווי יום כפור?

ברוינער האָן: וואָס זשע איז עפּעס געפאַלן דער גורל אויף אונדז, אָרעמע עופות? ווינציק פוילע גענדז, פעטע קאַטשקעס מיט גראָבע בייכער, ווינציק מיוחסים דרייען זיך אַרום ביי אייך אויף דער וועלט? וואָס טוען זיי? גאָרנישט! נאָר מע פרעסט און מע זויפט און מע פּליוסקעט זיך אין אַלע קאַליוזשעס.

נגיד: גענדז קוילען מיר חנוכה און פרעגלען זייער שמאַלץ אויף פּסח, קאַטשקעס בראָטן מיר אַזוי, אינדיקעס האָדעווען מיר אויף יום־טוב, און אייך דאַרפן מיר אויף כפרות! זייט זשע ניט קיין עזות־פּנימער!... עס ריידן נישט מיט אייך קיין יינגלעך, עס ריידן מיט אייך באַלעבאַטים, רבנים, דיינים, שוחטים.

אלע עופות: שוחטים? קוילערס? קאַ, קאַ, קאַ, אַ מיתה

משונה אויף אַלע שוחטים פון דער גאַנצער וועלט! אַנו, גיט נאָר אַהער אַ פּאָר שוחטים!... (די עופות גרייט צום געשלעג. דער עולם טרעט אַביסל צוריק).

עטלעכע באַלעבאַטים: איר ווילט מאַכן אַן איבער־קערעניש אין דער וועלט? דאָס איז דאָך אַן אמתע רעוואָלוציע! איר וועט אונדז האָבן צו געדענקען.

די דריי העגער: אַזוי? איי, איי, איי! וואָס וועט איר אונדז טאָן? איר וועט אונדז מסרן? לאָדן צום „ונתנה תוקף"? גייט אייך געזונטערהייט. קאַ, קאַ, קאַ!

(אַלע עופות נעמען קרייען און קוואַקען; קהל רוקט זיך אָפּ אויף אַ זייט און מע עצהט זיך.)

רב: יידן, מע מוז מיט זיי דורכקומען איר זעט דאָך, וואו מיר האַלטן. מע מוז זיי געבן פּריווילעגיעס.

אַלע: אדרבא! לאָמיר הערן, וואָס אַזעלכעס?

רב: די צייט שטייט ניט! (אַלע לאָזן זיך גיין צו די עופות) הערט אויס עופות, וואָס מיר ווען אייך זאָגן. די מעשה דערפון איז אַזוי. מיר וואָלטן מיט אייך, אייגנטלעך, גאַרניט באַדאַרפט אַזויפיל איינטענהן, איר מעגט אונדז גלויבן אויף נאמנות, אַז מיר האָבן צו אייך געגנוג מיטלען — ווי אַזוי מיר זאָלן אייך נעמען מיט גוואַלד, נאָר אַזוי ווי די צייט איז שוין קורץ, ס'איז באַלד ערב יום־כפור און מיר קאָנען חלילה בלייבן אָן כפרות, לכן גיבן מיר אייך פּריווילעגיעס...

אַלע עופות: קאַ, קאַ, קאַ, פּריווילעגיעס?

ווייסער האָן: וואָס איז דאָס אַזעלכעס די פּריווילעגיעס?

רב: אין נאָמען פון קהל קענט איר קריגן פאָלגנדע פּריווי־לעגיעס: פּריווילעגיע נומער איינס — אַ טאָג פאַר כפרות שלאָגן זאָל מען אייך געבן עסן און טרינקען גליך ווי נישט אייך מיינט מען.

עופות: מיר ווילן נישט! מיר ווילן נישט!

רב: פּריווילעגיע נומער צוויי — ווען מע וועט שלאָגן כפרות זאָל מען מיט אייך נישט דרייען משוגענערוויז און אָפּכאַפּן אויף גיך דעם „זה כפרתי, זה חליפתי, זה תמורתי", נאָר פּאַוואָלינקע זאָל מען זאָגן: „זה כפרתי", און אַזוי ווייטער.

עופות: מיר ווילן, אַז מע זאָל מיט אונדז אינגאַנצן ניט דרייען.

ר ב: פריווילעגיע נומער דריי — ווען מע וועט אפשלאגן כפרות, זאל מען אייך ניט ווארפן אונטערן טיש, ווי ביז אהער, נאר פאוואַ־לינקע אוועקלייגן, נאכדעם אוועקטראגן צום שוחט.

ע ו פ ו ת: אין דער ערד מיטן שוחט! דערמאנט גאר ניט זיין נאמען!

ר ב: פריווילעגיע נומער פיר—פליקן זאל מען אייך נאכן קוילען, ווי עס פירט זיך אין אנדערע ערטער.

ע ו פ ו ת: ווער פליקן? וואס פליקן? מיר ווילן ניט!

ר ב: פריווילעגיע נומער פינף — ווען דער שוחט וועט אייך נעמען צווישן די פיס און פארדרייען דאס קעפל...

ד י ד ר י י ה ע נ ע ר: (פלאצן פון געדולד און שרייען אויס) קוקעריקו! געפעלט אייך פריווילעגיעס! אין דער ערד אריין אלע באַ־לעבאטים מיט אייערע פריווילעגיעס!

א ל ע ע ו פ ו ת: קא, קא, גענוג פריווילעגיעס, קא, קא!

(זיי ווארפן זיך אויפן קהל, ס'פארבינדט זיך א געשלעג. די יידן אנטלויפן קוים מיטן לעבן, איבערלאזנדיק שטריימלעך, קאפעליושן און יארמולקעס. די עופות צופרידענע שטעלן זיך אויס אין א האלבן קרייז. מוזיק שלאגט אן אן אקארד און זיי זינגען א מארשליד—לויט אב. וויקטאר.)

מיר עופות מארשירן אין רייען געשלאסן,
גלייך ווי א וואסער האט ברייט זיך צעגאסן,
ציען זיך צוילן אויף מיילן און מיילן,
דוכט זיך, אז ס'ציטערט די ערד אויף די זיילן.

ריטמיש באוועגן זיך אלעמענס גלידער,
דוכט זיך אן ווערטער צעזינגען זיך לידער,
לידער אן ווערטער און דאך אזוי קלאר.
דאס זינגט אין זיי דאס ברויזנדע לעבן אין כאר.

ס'ווערן פארכישופט אויך די, וואס פון ווייטן,
וואקסן די מחנות פון אלע פיר זייטן,
רייען געשלאסן — דורך מדבר און ימען,
מיר עופות מארשירן, ווער קאן אונדז פארצאמען?

(ווען זיי פארענדיקן דאס ליד, מארשירן זיי אוועק אין פעלד אריין; גענדז, קאטשקעס און אינדיק בלייבן זיצן אומעטיקע אין וואלד, ס'פאלט דער פארהאנג פון ערשטן אקט און ס'קומט פאר דער עפילאג.)

ע פ י ל אָ ג

(די זעלבע דעקאָראַציע פון פּראָלאָג. ס׳מאַרשירן דורך צעשלאָגענע כּלי־קודש, אייניקע אָן היטלען, מיט הענט און טיכל אויף די קעפּ. נאָך זיי — די צעשלאָגענע מענער, גאָר פון הינטן — די ווייבער מיט פאַרבונדענע קעפּ און פּנימער. אַלע גייען קרעכצנדיק. אַלגעמיינער געשפּרעך.)

— משיחס צייטן, ניט אַנדערש!
— אַ שטראָף פון גאָט!
— נאָך ערגער ווי דער מבול!
— אַ חרפּה פאַר די גוים!
— אַ שלעכטער סימן!

(אַלע גייען איבער. ס׳קומט אַר. ים פלעסטערל און רעדט צום פּובליקום. בלייבט שטיין, קוקט נאָך מיט באַדויערונג די צעשלאָגענע יידן.)

פ ל ע ס ט ע ר ל : אָט אַזוי, ליבע פריינט, האָט זיך אויסגעלאָזט דער דאָזיקער וואונדערלעכער שטרייק פון די עופות. פון דעמאָלט אָן... קוילעט מען זיי, מע שניידט זיי, מע פּרעגלט זיי, מע דערלאַנגט זיי צום טיש אונטער אַלערליי „סאָוסן" אַלצדינג אַזוי ווי פריער. נאָר קיין כּפּרות מיט זיי שלאָגט מען ניט, און קיין „בני אדם" מיט זיי זאָגט מען ניט. פּע, אויס כּפּרות! דער מנהג איז געוואָרן אויס מנהג.

אַפנים אַז ס׳איז נישטאָ קיין אייביקע זאַך אויף דער וועלט? אלצדינג ביז אַ צייט! אַלצדינג ביז אַ צייט. (זי פאַרנויגט זיך.)

(צווייטער פאָרהאַנג, סוף.)

ליאָ שטיין.   רום און לויב.




Andante
zai ge - groist mech-tik-er hersh-er Gott fun ye-hu-deh
un - fun yis-ra-el, ge-loibt zol zein der nomen ye-
ho — vah i-ber di berg fun Eph-rai-em un oich in sho-roin
Resoluto
toll f shtarkt di hertz-er fun di tech-ter un zin - vos
kem-fn far frei-heit un gloib-n p zol-n di tfi — les
fun un-zre k'doi-shim tzu di him-len zich trog-n un
zich tzum ki-say ha-ko-vod der-hoib — en
cresc. a poco
p Far-shol-tn zoll ver-n der mech-tik-er soi-neh vos
vil unz far-vist-n un unz far-darb-n, mir hob-n kein
moi-reh far beitch-n un feil — n alle vi ai-ne zein-en mir
cresc. a poco accel.
grait far frei-heit un gloi-bn far frei-heit un gloib-n tzu
p subito, a tempo
shtarb-n tzu shtarb — n


Moderato
קום פעטער.
Kum fet-ter Keg-n der Ka-leh, le-kov-ed
shab-es zi ba-geg-e-nen, meg der soineh mit shpiz-n un
feil-n vi a ho-gl unz ba-reg-e-nen. hai — lik halt dem
tog fun shab-es, shtreng far-zogt haut dos ge-bott,
zollst in yen-em tog bloiz ruh-en heot ge-hais-n
unz — er Gott. veter loz-n az der soin-eh, zoll dem
shab-es unz — tzu- shter-n Gott Ye-hov-ah unz-er tfil-
-eh bet-tn mir dich tzu der-her-n shick a
krank-heit oif-n soin-eh vi oif di ar-may-en fun Sen-
chai-riv, morg-n iz — doch Shab-es Koid-esh Un
itzt — er iz doch er — ev zai ge-groist — un zai ge-
loibt Gott fun al-le get-ter ba- hit — unz
un ba-shitz unz du bist unz-er ret — ter



Andante (Quasi recitativo)
הושיע נא !
Ho-shi-eh noh helf unz helf unz Gott tzu ge-
vin-en di letz-te shlacht tzu ba-zign dem yov-n soin-eh vos
(marcato)
falt oif unz in shab-es nacht mit mut un mit fraid-
nemt dos gerehr, in ei-er mech-tike hent shlogt dem
soi-neh oif-n kopp, vos haut un-zer shtet far-brent
zeit ge-bensht Ha- ha-shme-noi-im zin oich du ye-
hu-deh unz-er held zoll Gott Ye-ho-voh zein mit
eich in kamf oif berg un oich in feld

מיט לויב און געזאַנג.



הנרות הללו.


Andante
in modo di recitativo
Haneh-rois ha-lau-lu a-nu mod-li-kehn —— di
doz-i-ke licht tu-en mir tzind-n, le-kov-ed dem hai-lik-n
zig ge-bensht zoll zein di yid-ish-e held-n vos
Allegro.
hob-n ge-vun-en dem krig Lich-tik, lich-tik
cresc. a poco
zol —— n di fei-ern bren-en lich-tik, lich-tik
zol —— n di fei-ern bren-en, der soi-neh zoll zehn fun der veit, de
cresc. a poco
soi-neh zoll zehn fun der vei-t, der hor-ev-er mik-desh
cresc. a poco
vert ba-neit, der hor-ev-er mik-desh vert ba-neit, der
subito
soi-neh zoll zehn fun der veit— yoh, der mik —desh
vert ba-nei —— t yoh, der mik — desh vert-ba
nei —— t, mit ge-zang un mit ten-tz itzt-er ba-neit der
poco cresc. al fine
hor-ev-er mik-desh vert ba-neit mit ge-zang ——
un mit tentz, der mik — desh vert — itzt ba-neit.